STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05241

FORTROG FUN DER DELEGATSYE FUN DER A.L.K.P.(B) INEM OYSFIRKOM FUN KOMINTERN AFN XVIII

Dmitrii Zakharevich Manuilskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

ד. מאנוילסקי

פארטראָג
פונ דער דעלעגאציע פונ דער אלקפ(ב) אינעמ אויספירקאָמ פונ קאָמינטערנ אפנ XVIII צוזאמענפאָר פונ דער אלקפ(ב)

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע
1939

Редактор перевода Б. Оршанский
Техредактор А. Фридкин
Корректор А. Стрельник.
Сдано в набор 4/IV-39 г.
Подписано к печати 21/IV-39 г.
Формат бум. 58X88 1/16, 3,25 п. л., 3,25 уч. изд. лист.
Уполном. Главлита РСФСР А—5612 Зак. 277.
Государственное изд-во „Дер Эмес" № 232. Тираж 20.000 экз.

17-я тип. нацкниги „Полиграфтреста", Шлюзовая набер. д. 10

I. די ענדערונגענ אינ דער צווישנפעלקערלעכער לאגע

כאַווײרים!

אינ דעם פאַרגאַנגענעם פינפיאָר צווישנ דעם XVII אונ XVIII צוזאַמענ-פאָרנ פונ דער אלקפ(ב) זײַנענ אינעם לעבנ פונ די קלאַסנ, פעלקער אונ מעלוכעס פאָרגעקומענ באַדײַטנדיקע ענדערונגענ, וואָס זאָגנ אײדעס וועגנ דער פאַרשאַרפונג פונ אַלע ווידערשפרוכנ פונ דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם אונ וועגנ דער פאַרטיפערונג פונעם אָפגרונט צווישנ דער וועלט פונ סאָציאַ-ליזם אונ דער וועלט פונ קאַפיטאַליזם.

אינ זײַנ היסטאָרישנ פאָרטראָג, אַפ וועלכנ עס האָבנ מיט אומגעדולד געוואַרט די פאַרטיי, די אַרבעטנדיקע פונ אונדזער לאַנד, אַלע פרײַנט אונ אַלע סאָנים פונ פססר, האָט דער כאַוו. סטאַלינ אַרײַנגעטראָגנ אַ ווערט-פולסטנ בײַטראָג אינ דער מאַרקסיסטיש-לענינישער לערע וועגנ מעלוכע, האָט געגעבנ אַ ניט-איבערגעשטיגענעם לויט דער טיפקײַט מאַרקסיסטישנ אַנאַליז פונ דער צווישנפעלקערלעכער לאַגע, האָט אונטערגעצויגנ אויס-שעפנדיקע סאַכאַקלענ פונ דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פונ אונדזער לאַנד, האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די גראַנדיעזע פערספעקטיוו, וואָס עפענענ זיך אופ פאַרנ סאָוועטישנ פאָלק אינ רעזולטאַט פונ זײַנע סאָציאַליסטישע זיגנ. דער כאַוו. סטאַלינ האָט באַוויזנ, ווי גיגאַנטיש עס האָט זיך אַ רוק געטאָנ פאָרויס פססר, האָבנדיק געלייזט די שווערסטע אופגאַבע פונ דער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט — די ענדגילטיקע ליקווידירונג פונ די עקספלואַטאַטאָרישע קלאַסנ אונ דאָס אַרײַנציִענ מיליאָנענ אינדיווידועלע פויערישע ווירטשאַפטנ אינ דער סיסטעם פונ סאָציאַליזם. ער האָט באַוויזנ, ווי אינ אָט די יאָרנ איז אומאָפהענגיק געוואַקסנ די סאָציאַליסטישע פאָלקס-ווירטשאַפט, ווי עס האָט זיך געהעכערט דער מאַטעריעלער אונ קולטורעלער ניוואָ פונ די אַרבעטנדיקע, וויאַזוי עס האָט זיך צעמענטירט די ברידערלעכקײַט פונ די פעלקער, וואָס באַווינענ פססר, וויאַזוי עס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע אינעם ראַטנלאַנד, וויאַזוי עס האָט זיך געפעסטיקט די מאָראַלישע אונ פאָליטישע אײנהײַט פונעם

סאָוועטישנ פאָלק, עס איז געוואקסנ די מעכטיקייט און שוצפייקייט פונעמ סאָוועטישנ לאנד. (אפלאָדיסמענטנ).

דער כאוו. סטאלינ האָט באוויזנ, וויאַזוי די קלוגשאפטלעכע שאָלעמ־פאָליטיק פונ פססר, וועלכע האָט זיכ צונויפגעפאָרט מיט דער פעסטקייט אינ דער זאכ פונ באשיצנ די גרענעצנ פונעמ ראטנלאנד, מיטנ אומראכמאָנעסדיקנ צעגראָמירנ די טראָצקיסטיש־בוכארינישע באנדע שפּיאָנע און מילכאָמע־אונטערצינדער, האָט אנטשפּראָכנ ניט נאָר די אינטערעסנ פונעמ סאָוועטישנ פאָלק, נאָר אויכ די אינטערעסנ פונעמ גאנצנ אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט, די אינטערעסנ פונ די פעלקער פונ אלע לענדער.

דער פאָרטראָג פונעמ כאוו. סטאלינ איז א היסטאָרישער וועג־צייכנ, וואָס באצייכנט מיט זיכ דאָס אריינטרעטנ פונ פססר אינ א נייער פאזע פונ אנטוויקלונג, אינ דער פאזע פונ פארענדיקנ די בויונג פונ דער קלאסנ־לאָזער געזעלשאפט און פונעמ בעהאדראָגעדיקנ אריבערגאנג פונעמ סאָציאליזמ צו קאָמוניזמ. און אָט דער קאָלאָסאלער זיג פונ פססר, וואָס איז א געשעעניש פונ אנ אלוועלטלעכ־היסטאָרישער באדייטונג, פארשטארקט די רעוואָלוציאָניזירונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער, רופט ארויס שרעק בא דער וועלט־רעאקציע פארנ לאנד, וואָס פארווירקלעכט, טראָצ אלע אינטריגעס פונ דער קאפיטאליסטישער ארומ־רינגלונג, דעמ דריטנ סטאלינישנ פינפיאָר, וועלכער באטייט א נייעמ גיגאנטישנ שריט אפנ וועג צומ פולשטענדיקנ טריומפ פונעמ קאָמוניזמ.

וואָס איז פאָרגעקומענ אינעמ פארגאנגענעמ פינפיאָר אינ דער קאפיטאליסטישער וועלט?

אפנ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר האָט דער כאוו. סטאלינ, אנאליזירנדיק דעמ צושטאנד פונ דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט, געזאָגט, אז די דעפּרעסיע, וואָס איז אָנגעקומענ נאָכנ קריזיס פונ די יאָרנ 1929 — 1933, וועט זיינ ניט קיינ געוויינלעכע דעפּרעסיע, נאָר א דעפּרעסיע פונ א „באזונדערנ מינ“. כאוו. סטאלינ האָט געזאָגט, כאראקטעריזירנדיק די צווישנ־פעלקערלעכע לאגע, אז די פארשארפונג פונ די אימפעריאליסטישע ווידער־שפּרוכנ האָט שוינ באשאפנ א באָדנ פאר קריגס־צוזאמענשטויסנ, אז עס האלט בעפיירעש בא א נייער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. דער דאָזיקער אנאליז פונעמ כאוו. סטאלינ האָט זיכ אינגאנצנ און פולשטענדיק באשטעטיקט.

דער ניוואָ פונ דער קאפיטאליסטישער פּראָדוקציע, וועלכער האָט נאָכ זיינ גרעסטנ פאלנ אינ 1932 יאָר דערגרייכט זיינ העכסטנ פונקט אינ דער מיט פונ 1937 יאָר, האָט זיכ אינ 1938 יאָר ווידער אראָפּגעלאָזט ביז 91% אינ פארגלייכ מיטנ ניוואָ פונ 1929 יאָר. פארנ צייט־פעריאָד פונעמ 1929 יאָר ביזנ 1937 יאָר האָט זיכ די פּראָדוקציע פארגרעסערט אינגאנצנ

אפ 3,5%, אינ דער צײַט, ווענ דער וווּקס פונ דער פּראָדוקציע אינעם מעשעכ פונעם עקאָנאָמישנ ציקל פונ די יאָרנ 1921—1929 האָט באטראָפנ 49,5%. דאָס רעדט וועגנ דעם, אז די דעפּרעסיע, וואָס איז אָנגעקומענ נאָכנ קריזיס פונ די יאָרנ 1929—1933, איז ווירקלעכ געווענ א דעפּרעסיע פונ א באזונדערנ מינ, נאָכ וועלכער עס איז ניט געקומענ ניט קיינ אלגע-מײַנער אופשטײַג, ניט קיינ אופבלי פונ דער אינדוסטריע.

אינעם פארגאנגענעם פינפיאָר האָט זיכ באדײַטנדיק פארערגערט די לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער. דער קאפּיטאל גרײַפט אָנ מעשונע-ווילד אפנ לעבנס-ניוואָ פונ די ארבעטנדיקע, באזונדערס אינ די לענדער פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור. עס קומט פאָר א שארפע אראָפּזעצונג פונעם ארבעטלוינ און א פארלענגערונג פונעם ארבעטס-טאָג. אינ דײַטשלאנד, צום בײַשפּיל, ניט געקוקט דערופ, וואָס די אײַנצל-פּרײַזנ אפ די גרונט-פּראָדוקטנ פונ דערנערונג האָבנ זיכ שטארק אופגעהויבנ, איז זינט עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ די פאשיסטישע דיקטאטור פארבאָטנ געוואָרנ יעטווידע פארגרעסערונג פונעם ארבעטלוינ; אינ דער זעלבער צײַט דערגרייכנ ביז 25—30 פּראָצ. פארשיידענע צוואנג-אראָפּרעכענונגענ פונעם ארבעטלוינ, וואָס ווערנ דורכגעפירט דורכ דער פא-שיסטישער מאכט. דורכנ געזעצ איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ א צענשאָיִקער ארבעטס-טאָג, און אינ די באזונדערס וויכטיקע אינדוסטריע-צווײַגנ, דה. אינ דער גאנצער קריגס-אינדוסטריע און אפ די פּאָרטיפיקאציע-ארבעטנ — א פערצנשאָיִקער. אינ די אזויגערופענע לאגערנ פונ „ארבעט-פּליכט" ארבעטנ הונדערטער טויזנטער יוגנטלעכע פאר א שיטערנ טעלער געקעכצ און 50 פּעניג א טאָג. אינ דער פאשיסטישער איטאליע איז פאר דער צײַט פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור אראָפּגעזעצט געוואָרנ דער לעבנס-ניוואָ פונ די מאסנ קימאט אפ א העלפט. זינט דער אביסינישער מילכאָמע קומט פאָר א שארפע פארקירצונג פונעם געברויכ לויט אלע גרונטיקע דער-נערונגס-פּראָדוקטנ. אינ יאפּאָניע דערגרייכט דער ארבעטס-טאָג פונ 12 ביז 16 שאָ, און אפילע די קאפּצאָנישע פאורדינסטנ פונעם 1929 יאָר זײַנענ פארקירצט געוואָרנ דורכשניטלעכ מער ווי אפ 16%, כאָטש די לעבנס-קאָסטנ האָבנ זיכ אינ דער דאָזיקער צײַט געהעכערט אפ 30—40 פּראָצ.

די צאָל ארבעטסלאָזע האָט זיכ אינעם פארגאנגענעם פינפיאָר קיינמאָל ניט אראָפּגעלאָזנ נידעריקער פונ 14 מיליאָנ און צום סאָפ 1938 יאָר בא-טרעפט זי 18 מיליאָנ, ניט רעכענענדיק ניט די קאָלאָסאלע פילמיליאָניקע ארמײ ארבעטסלאָזע באטראקעס, ניט די טײַלווײַז ארבעטסלאָזע, ניט די ארבעטס-לאָזע פונ אזעלכע לענדער, ווי אינדיע, כינע, ווו עס לעבט א העלפט באפעלקערונג פונ דער קאפּיטאליסטישער וועלט.

דער אגראר-קריזיס, וואָס פארשארפט זיכ ווידעראמאָל, באזונדערס אינ פשא, פוילנ, רומעניע, יוגאָסלאוויע, אונגארנ, ווי אויכ אינ די קאָלאָניעס, פירט צו א נאָכ גרעסערער פאנאנדערשיכטונג פונעם דאָרפ, פארוואנדלט

מיליאָנענ פויערימ אינ פאופערס. צוגלייכ דערמיט גייט א פארשטארקטער פראָצעס פונ רויִנירונג פונ דער שטאָטישער קליינ־בורזשואזיע, באזונדערס אינ די פאשיסטישע לענדער. דאָ זיינענ געלאָזנ געוואָרנ צו גרונט צענדליקער טויזנטער קליינע אינדוסטריעלע אונ האנדלס־אונטערנעמונגענ. אינ יאפּאָניע זיינענ בלויז אינ 1938 יאָר אליינ איבער מאנגל אינ רויוארג פארמאכט געוואָרנ 88.305 קליינע אונטערנעמונגענ.

אינ רעזולטאט פונעמ עקאָנאָמישנ קריזיס, פונ דער פארשטארקטער ניט־גלייכמעסיקייט פונ דער אנטוויקלונג פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער אונ פארטיפערונג פונעמ אלגעמיינעמ קריזיס פונעמ קאפּיטאליזמ — האָבנ זיכ ביז גאָר פארשארפט אלע ווידערשפּרוכנ, וואָס האָבנ נאָכ פריער עקזיסטירט צווישנ די אימפּעריאליסטישע מעלוכעס. עס האָט זיכ פארשארפט דער קאמפ פאר אויסערלעכע מערק, פאר ווירקונגס־ספערנ, פאר קאָלאָניעס, פאר א נייער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט. אנ אויסערגעוויינלעכע שארפקייט האָט דער דאָזיקער קאמפ באקומענ אינעמ באסיינ פונעמ מיטללענדישנ יאמ אונ פונעמ שטילנ אָקעאנ, אינ דער לאטייניש(ער) אמעריקע, אינ דער דאָרעמ-מיזרעכדיקער אונ דאָרעמדיקער אייראָפּע, אפ די גרונטיקע אלוועלטלעכע פארקער־וועגנ.

די פאשיסטישע מעלוכעס — דייטשלאנד, איטאליע אונ יאפּאָניע זיינענ אריבער אינ אנ אָנגריפ אפ דער צווישנפעלקערלעכער ארענע. די פאשיסטישע רעגירער מיינענ מיטנ בארויבנ פרעמדע פעלקער פאריכטנ זייערע געשעפטנ, ליקווידירנ די אינערלעכע שוועריקייטנ פונעמ פאשיסטישנ רעזשימ, אויסמיידנ זיינ באנקראָט. די פאשיסטישע רעדלפירער דארפנ מילכאָמעס, ווייל זיי זיינענ ניט אימשטאנד אויסצופילנ זייערע דעמאגאָגישע צוזאָגענישנ די מאסנ, וואָס פאָדערנ ניט קיינ הארמאטנ, נאָר פוטער, ניט קיינ דרעדנאָוטנ, נאָר ברויט. פאר זיי איז די מילכאָמע א מיטל צו דערשטיקנ די אומצופרידנקייט פונ די מאסנ אונ האלטנ זיי אינ געהאָרכזאמקייט. זיי דארפנ מילכאָמעס, קעדיי איינצוהיטנ זייער „פּרעסטיזש” אינ די אויגנ פונ זייערע אייגענע אָנהענגער.

די פאשיסטישע אוואנטיוריסטנ איילנ אריבערצוגיינ אינ אָנגריפ, ווייל זיי האָבנ מוירע פארנ אָנוווקס פונ דער באוועגונג פונעמ פאָלקס-פראָנט, פארנ וווקס פונ ווידערשטאנד פונ די פעלקער דער פאשיסטישער אגרעסיע, פאר דער פאראייניקונג אונ באהעפטונג פונ די פעלקער אינ צווישנפעלקערלעכנ פראָנט פונ קאמפ קעגנ די פאשיסטישע מילכאָמע־אונטערצינדער. די פאשיסטישע רעגירער ווילנ פארלויפנ דעמ וועג דער באהעפטונג פונ די פאָלקס־מאסנ אונ דערלאנגענ זיי א קלאפ פריער, איידער זיי וועלנ זיכ פאראייניקנ צוליב א ווידערשטאנד דעמ פאשיזמ. זיי באמיענ זיכ אָפּזונדערנ די פעלקער, פארזייענ צווישנ זיי סינע, קעדיי עס זאָל זיינ גרינגער צו שלאָגנ זיי טיילנווייז. זיי נוצנ געשיקט אויס די נאָכגיביקייט פונ די רעגירנדיקע קרייזנ פונ ענגלאנד אונ פראנקרייכ, מאכנ זיי פאר שותפימ פונ

זייערע רעציכעס, קאָמפּראָמעטירנדיק זיי דערמיט גופע אונ שענדנדיק זיי נאָכ מער, באמיענדיק זיכ מיט אָט דעמ שווינדלערישנ מאנעוור אָפּצוּווענדנ פונ זיכ דעמ צאָרנ פונ די מאסנ.

די פאשיסטישע רעגירער שטרעבנ אויסצונוצנ די שרעק פונ דער בורזשואזיע פונ אנדערע קאפּיטאליסטישע לענדער פארנ סאָציאליזמ אונ ארבעטער-קלאס, קעדיי מיט איר שטיצע אָנצופאלנ אפ איר אייגנ פאָלק. קעדיי צו דערגרייכנ זייערע פארכאפּערישע צילנ, לאָזנ זיי אינ גאנג קאָרופּציע, שווינדל, שאנטאזש אונ דראָונגענ. פריער איידער צו וואַרפנ אָקופּאציע־ארמייענ אפ פרעמדע טעריטאָריעס, וואַרפנ זיי אהינ די ארמיי פונ זייערע שפּיאָנענ. זיי שיקנ זיי אומעטומ — קיינ פּשא, ענגלאנד, פראנקרייכ אונ אנדערע מעלוכעס. זיי האָדעווענ אונטער אינ פראנקרייכ באנדעס קאגוליארנ אונ אָרגאניזירנ מיט זייערע הענט א סעריע אופרייסנ. זיי שאפנ אינ רומעניע דיווערסיאָנעלע באנדעס, וועלכע פירנ דורכ א ריי טעראָריסטישע אקטנ, זיי פירנ א ברייטע צעלייגנדיקע ארבעט אינ פוילנ, צוגרייטנדיק זיינ צעגלידערונג; אינ ביי־באלטיק, פינלאנד, אונגארנ, סלאָוואקיע, אפ די באלקאנענ בויענ זיי געהיימע באוואָפנטע אָטריאדנ. זיי אינסצענירנ אינערלעכע „בונטנ”, ווי דאָס איז געווענ ניט נאָר אינ עסטרייכ, אינ דער סודעטנ־געגנט, נאָר אויכ אינ מעקסיקע, בראזיליע אונ פערו.

א באזונדערס ברייטע אונטערייסערישע ארבעט פירנ די אגענטנ פונעמ פאשיסטישנ אגרעסיוונ בלאָק אינ די ענגלישע אונ פראנצויזישע קאָלאָניעס. זיי אָרגאניזירנ א בונט אינ פאלעסטינע, זיי שאפנ א האלב־מיליטערישנ „נאציאָנאלנ וואָלאָנטיאָרנ־קאָרפּוס” אינ אינדיע, זיי בויענ פאשיסטישע מיליטערישע גרופּעס אינ דאָרעמ־אפריקע, זיי באזאָרגנ מיט געווער אונ געלט די פעאָדאלנ אינ די אראבישע לענדער. אומעטומ שפּרייטנ זיי אומרועננ, קעדיי נאָכ ביז דער מילכאָמע צעלייגנ אונ אָפּשוואכנ זייערע מעגלעכע קעגנער.

דער אגרעסיווער בלאָק פונ די פאשיסטישע מעלוכעס, וואָס איז מער פאר אנדערע פארינטערעסירט אינ דער געוואלטזאמער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט, וואַרפט אריינ די פעלקער אינ א נייער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. אינ 1935 יאָר רייסט זיכ אריינ איטאליע אינ אביסיניע, אינ 1936 יאָר הייבנ אָנ דייטשלאנד אונ איטאליע די אינטערווענציע אינ שפּאניע, אינ 1937 יאָר גייט די יאפּאָנישע מיליטער־קליקע אריבער פונעמ פארכאפּנ מאנטשזשוריע צו א מילכאָמע, וואָס האָט דעמ ציל צו באהערשנ גאנצ כינע אונ ארויסשטויסנ פונ כינע פּשא, ענגלאנד, פראנקרייכ; אינ מארט 1938 יאָר אָקופּירט דייטשלאנד עסטרייכ, אינ סענטיאבער 1938 יאָר צעגלידערט דייטשלאנד טשעכאָסלאָוואקיע.

וואָלט דענ אזוינס מעגלעכ געווענ, ווענ די קאפּיטאליסטישע רעגירונגענ פונ די אנדערע גרעסטע מעלוכעס וואָלטנ ניט נאָכגעגעבנ דער אגרעסיע פונעמ דייטשישנ אונ איטאליענישנ פאשיזמ אונ פונ דער יאפּאָנישער פאשיסטישער מיליטערישער קליקע? געוויס, ניט. דאָס איז מעגלעכ געוואָרנ

דערפאר, ווײַל די קרעפטנ פונ דער וועלט-רעאקציע, די רעאקציאָנערע עלעמענטנ פונ דער פראנצויזישער אונ באזונדערס פונ דער ענגלישער בורזשואזיע האָבנ געהאָלפנ אונ העלפנ דעם בלאָק פונ די פאשיסטישע אגרעסאָרנ. די דאָזיקע עלעמענטנ טראָגנ זיכ מיטנ געדאנק וועגנ אויסנוצנ דעם דײַטשישנ פאשיזם אלס א שלאָג-פויסט פונ דער רעאקציע קעגנ פססר, אויסנוצנ דעם דײַטשישנ פאשיזמ אלס זשאנדארמ קעגנ דעם אינטערנאציאָנאלנ ארבעטער-קלאס, קעגנ דעם פאָלקס-פראָנט אונ דער נאציאָנאל-באפרײַער׳ישער באוועגונג פונ די פארשקלאפטע פעלקער.

דער פלאנ פונ דער ענגלישער רעאקציאָנערער בורזשואזיע באשטייט דערינ, אז, מאקרעוו זײַענדיק לעטויוועס דעם דײַטשישנ פאשיזמ די קלײנע מעלוכעס פונ דאָרעמ-מיזרעכ-אײראָפּע, זאָל מענ ריכטנ דײַטשלאנד צו מיזרעכ — קעגנ פססר, א פרווו טאָנ זיכ דורכ אזא קאָנטררעוואָליוציאָנערער מילכאָמע פארהאלטנ די ווײַטערדיקע דערפאָלגנ פונעם סאָציאליזמ אונ דעם זיג פונעם קאָמוניזמ אינ פססר, אָפּקויפנ זיכ פונ דײַטשלאנדס אימפעריאליסטישע פרעטענזיעס אפ די ענגלישע קאָלאָניעס; אינ דער זעלבער צײַט וואָלט די ענגלישע רעאקציע געוואָלט מיט די הענט פונ פססר אויסהאקנ די ציינ דעם דײַטשישנ אימפעריאליזמ, אָפּשוואכנ דײַטשלאנד אפ פיל יאָרנ, אײַנהיטנדיק פארנ ענגלישנ אימפעריאליזמ די הערשנדיקע לאגע אינ אײראָפּע; צווייטנס, שטרעבט די ענגלישע רעאקציע דערצו, אז צוזאמענ מיט איטאליע זאָל זי אפנ כעזשבנ פונ פראנקרײַכ צעטיילנ שפאניע אונ די ווירקונגס-ספערנ אינעם מיטללענדישנ יאמ, דערשלאָגנ זיכ צוליב אנ אימפעריאליסטישנ „גלײַכגעוויכט״ אינ אײראָפּע א פארשטענדיקונג מיט איטאליע, אָפּרײַסנדיק זי פונעם בלאָק מיט דײַטשלאנד; דריטנס, טרוימענ די ענגלישע רעאקציאָנערנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ צעטיילנ כינע. זיי דערלויבנ איצט יאפאָניע רויבנ אונ אָפּשוואכנ כינע, אָבער אינ דער זעלבער צײַט שטערנ זיי ניט דער קריגס-אויסצערונג אונ עקאָנאָמישער אויסצערונג פונ יאפאָניע, קעדיי דערנאָכ ארויסטרעטנ אינ דער ראָליע פונ אנ ארביטר אפ אײַנשטעלנ א „מינכענער שאָלעמ״ אפנ ווײַטנ מיזרעכ; פערטנס, וויל די ענגלישע רעאקציע ניט דערלאָזנ דעמ קראכ פונעם פאשיסטישנ רעזשימ ניט אינ דײַטשלאנד, ניט אינ איטאליע, ניט אינ יאפאָניע, זי וויל העלפנ די רעגירונגענ פונ די דאָזיקע לענדער ראטעווענ זיכ פונ א פינאנציעלנ באנקראָט דורכ געבנ זיי קרעדיטנ אונ דערמיט אלײנ אוועקשטעלנ די פאשיסטישע מעלוכעס אינ א געוויסער אָפּהענגיקייט פונעם ענגלישנ אימפעריאליזמ.

נאָכ אינ 1927 יאָר האָט דער כאוו. סטאלינ געזאָגט אינעם ארטיקל „נאָטיצנ אפ הײַנטצײַטיקע טעמעס״:

„דער ענגלישער קאפּיטאליזמ איז שטענדיק געווענ, איז אונ וועט זײַנ דער אמערסטנ בייזוויליקער דערשטיקער פונ פאָלקס-רעוואָליוציעס. אָנגעהויבנ פונ

דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע סאָפ XVIII יאָרהונדערט אונ געענדיקט מיט דער כינעזישער רעוואָליוציע, וואָס קומט איצט פאָר, איז די ענגלישע בורזשואזיע שטענדיק געשטאנענ אונ זעצט פאָר ווייטער צו שטיינ אינ די ערשטע רייענ פונ די גראָמירער פונ דער באפרייונגס־באוועגונג פונ דער מענטשהייט... די ענגלישע בורזשואזיע האָט אָבער ניט ליב מילכאָמע צו האלטנ מיט אירע אייגענע הענט. זי האָט שטענדיק געהאלטנ פאר בעסער מילכאָמע צו האלטנ מיט פרעמדע הענט".

אָבער מיט אירע רויבערישע פלענער גראָבט אויס די ענגלישע רעאקציאָנערע בורזשואזיע פאר זיכ א קייווער. דורכ א געהיימער אונטערשטיצונג פונ דער יאפאָנישער אגרעסיע אינ כינע גרייט זי צו דאָס ארויסשטויסנ ענגלאנד פונ ווייטנ מיזרעכ, דורכ האנאָכעס דעם איטאליענישנ פאשיזם פארלירט זי די ענגלישע פאָזיציעס אינ מיטללענדישנ יאם, דורכ געבנ האלוואָעס די פאשיסטישע אגרעסאָרנ פארשטארקט זי זייער קריגס־מאכט אונ די שאנסנ פונ איר אייגענער מאפאָלע. דורכ דער פארפעסטיקונג פונעם דייטשישנ פאשיזם גרייט זי צו די צעטיילונג פונ איר אייגענער אימפעריע. דורכ פלענער פונ אָנפאלנ אפ סססר גרייט זי דעם קראכ ניט נאָר פונעם פאשיזם, נאָר אויכ פונ דער גאנצער קאפיטאליסטישער סיסטעם. (אפלאָדיסמענטנ).

דער מינכענער צונויפרייד איז דער ערשטער ערנסטער פרווו אָנצוווענדנ אינ טאט דעם דאָזיקנ אינטריגאנישנ, נאָר האָפענונגסלאָזנ פלאנ פונ דער ענגלישער רעאקציאָנערער בורזשואזיע. ניט קיינ שאָלעם האָבנ געבראכט דער מענטשהייט די מינכענער רעאקציאָנערע פארשווערער, נאָר זיי טראָגנ א נייע אימפעריאליסטישע וועלט־מילכאָמע. אינ מינכענ האָבנ זיי ליקווידירט אפילע יענעם אויסגעצערטנ אייראָפּייִשנ „גלייכגעוויכט", וועלכער האָט אינ א געוויסער מאָס איינגעהאלטנ די פארכאפערישע פלענער פונ די פאשיסטישע אגרעסאָרנ. אונטערנ דרוק פונ דייטשלאנד אונ איטאליע האָבנ די פראנצויזישע רעאקציאָנערע קליקעס, וואָס שלעפנ זיכ נאָכ אינעם עק פונ דער ענגלישער רעאקציע, ליקווידירט מיט זייערע אייגענע הענט די סיסטעם פונ בונדנ, וועלכע איז דורכ זיי געשאפנ געוואָרנ נאָכ דער אלוועלטלעכער אימפעריאליסטישער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914 — 1918; דערמיט גופע גרייטנ זיי צו די פארוואנדלונג פונ פראנקרייכ אינ א מעלוכע פונ צווייטנ ראנג.

די מינכענער פארשווערער האָבנ פארענדיקט מיט דער סיסטעם פונ קאָלעקטיווער געפארלאָזיקייט אונ האָבנ ענדגילטיק באזייטיקט די פעלקערליגע, וואָס זיי האָבנ אליינ געשאפנ, פונ לייזנ די וויכטיקסטע פראגנ פונ דער אייראָפּייִשער אונ אלוועלטלעכער פּאָליטיק. זיי האָבנ פאנאנדערגעבונדנ די

העגט די אגרעסאָרנ, דערלויבנדיק דעמ איטאליענישנ פאשיזמ אָקופּירנ קאטאלאָניע, דער יאפּאַנישער פאשיסטישער מיליטער־קליקע פארכאפּנ קאנ־טאָנ אונ דעמ אינדזל כײַנאנ, שאפנ א דראָונג די פראנצויזישע אונ ענג־לישע באזיצנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ.

די מינכענער „שאָלעמ־ברענגער" האָבנ פארשטארקט דעמ באוואָפענונגס־פיבער פונ די קאפּיטאליסטישע מעלוכעס. נאָכ מינכענ קומט פאָר א נײַער שפּרונג פונ די באוואָפענונגענ אינ דײַטשלאנד, ווו פאר דער צײַט פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור זײַנענ די קריגס־הוצאָעס אויסגעוואקסנ שוינ אינ 32 מאָל, אינ איטאליע, ווו פאר דער צײַט פונ דער מילכאָמע אינ אבי־סיניע זײַנענ זיי אויסגעוואקסנ אינ פיר מאָל; די קריגס־הוצאָעס וואקסנ אויס אינ יאפּאָניע אינ פארגלײַכ מיט די יאָרנ 1936 — 1937 מער, ווי אינ 5,5 מאָל, אינ ענגלאנד — אינ דרײַ מאָל, אינ פראנקרײַכ — מער, ווי אינ דרײַ מאָל.

* * *

אָבער די אימפּעריאליסטישע פּרעטענזיעס פונ די פאשיסטישע רויבער שטויסנ זיכ אָנ אפ א ווידערשטאנד פונ אייניקע קאפּיטאליסטישע מעלוכעס, פונ דעמ באווײַטנדיקנ טייל רעגירנדיקע קלאסנ פונ יענע לענדער, וועמעס רעגירונגענ קאפּיטולירנ פאר די פאשיסטישע אגרעסאָרנ. די גרעסטע קאַפּיטאליסטישע מעלוכע פונ דער וועלט — פשא, באשיצנדיק אירע אינטערעסנ אינ די לענדער פונ דער לאטײַנישער אמעריקע קעגנ דײַטשלאנד, איטאליע אונ יאפּאָניע, וועלכע רײַסנ זיכ אהינ אונ דרינגענ אהינ שנעל ארײַנ, פארטיידיקנדיק אירע פּאָזיציעס אפ די פיליפּינענ, אינ כינע אונ אפנ שטילנ אָקעאנ קעגנ יאפּאָניע, שלאָגט צונויפ מיט די דאָרעמ־אמעריקאנישע מעלוכעס א בלאָק פאר ווידערשטאנד דער פאשיסטישער עקספּאנסיע; דערמיט גופע אקטיוויזירנ די פשא דעמ ווידערשטאנד קעגנ די פאשיסטישע אגרעסיווע פּלענער אינ די אנדערע עקנ פונ דער וועלט, דערינ אויכ אינ אייראָפּע.

אינ ענגלאנד שטויסט די מוירע פאר דער גאנצקײַט פונ דער אימפּעריע, וועלכער עס באדראָעט דער דײַטשישער פאשיזמ, אפילע א טייל אימפּעריאליסטישע קרײַזנ, די טוער פונעמ טיפּ פונ דאפ קופּער, אידענ, טשערטשיל, אינעמ לאגער פונ דער אָפּאָזיציע קעגנ דער איצטיקער קאָנסערוואטיווער רעגירונג. די פארכאפּערישע פּרעטענזיעס פונעמ דײַטשישנ אונ איטאליענישנ פאשיזמ שרעקנ א טייל פונ דער פראנצויזישער בורזשואַזיע אונ פארשטארקנ די פּאָזיציעס פונ די אָנהענגער פונ א ווידערשטאנד קעגנ אימ. עס וואקסט דער אומרו אינ פּוילנ פאר דער געפאר פונ זײַנ צעגלידערט ווערנ מיצאד דײַטשלאנד. עס פארשטארקט זיכ די אָפּאָזיציע אינ אונגארנ קעגנ דעמ, אז עס זאָל פארשקלאפט ווערנ דורכנ דײַטשישנ פאשיזמ.

אינ דער זעלבער צײַט וואקסט אָנ דער צאָרנ פונ די פאָלקס־מאסנ פונ טשעכאָסלאָוואקיע אונ עסטרײַכ, וואָס זײַנענ פארשקלאפט דורכ די פאשיס־

טישע אגרעסאָרנ, עס וואקסט דער אומרו פונ די פעלקער, וואָס שטייענ אונטערנ קלאפ פונ דער פאשיסטישער אגרעסיע אפ די באלקאנענ. עס פארשטארקט זיכ די באוועגונג אינ די קאָלאָניעס, וועמעס פעלקער עס ווילנ ניט זײַנ קיינ קאפאָרע־הינדל אינ די מאכינאציעס פונ די אימפעריאַ־ליסטישע רויבער. עס ווערנ רײַפ די עלעמענטנ פונ נאציאָנאלנ פראָנט אינ א ריי לענדער, וועמענ עס דראָעט די פאשיסטישע אינוואזיע.

* * *

אלזאָ, כאוויירים, אינ די פארגאנגענע פינפ יאָר איז נאָכ טיפער געוואָרנ דער טהאָם צווישנ דעמ סאָציאליזמ, וואָס האָט געזיגט, אונ דעמ פאראזיטיש פוילנדיקנ קאפיטאליזמ. פססר גייט בארג־ארופ, צו די שפיצנ פונ דער קלאסנלאָזער געזעלשאפט, צומ קאָמוניזמ. די קאפיטאליסטישע וועלט קײַקלט זיכ בארג־אראָפ, צו עקאָנאָמישע קריזיסנ, צו רעאקציע, צו מילכאָמעס. דאָס באטײַט, אז עס האָט זיכ פארטיפט דער אלגעמיינער קריזיס פונ דער קאפיטאליסטישער סיסטעמ. אונ וואָס מער דער קאפיטאליזמ פארפלאָנטערט זיכ אינ זײַנע ווידערשפרוכנ, וועגדט ער זיכ צו אלצ מער פארצווייפלטע מאָסמיטלענ, קעדיי צו באמיִענ זיכ ארויספלאָנטערנ זיכ פונ דער לאגע. פונדאנענ קומט די פארשטארקונג פונעמ אָנגריפ פונעמ קאפיטאל קעגנ די ארבעטנדיקע, די פארשטארקונג פונעמ פאשיסטישנ טעראָר, דער אריבערגאנג פונעמ פאשיזמ אפ דער צווישנפעלקערלעכער ארענע אינ אָנגריפ, די נײַע אימפעריאליסטישע מילכאָמע. פונדאנענ קומט אויכ די פארשארפונג פונ דער דראָונג פונ אנ אויסלענדישנ קריגס־אָנפאל אפנ לאנד פונעמ סאָציאליזמ, וועמעס באדײַטונג, אלס פעסטונג פונ שאָלעמ אונ ווידערשטאנד קעגנ אימפעריאליסטישע פארכאפונגענ אונ מילכאָמעס, עס וואקסט אָנ אינ א קאָלאָסאלנ גראד אינעמ באוווסטזײַנ פונ מיליאָנענ ארבעט־מענטשנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער.

II. דער קאמפ פונ די קאָמפארטייענ פארנ אײנ־הײַטלעכנ פראָנט אונ פאָלקס־פראָנט

אינ דעמ ערעכ, ווי דער פאשיזמ גייט אריבער אינ אָנגריפ אינ באַזונדערע לענדער אונ אפ דער צווישנפעלקערלעכער ארענע, וואקסט, ברייטערט זיכ אונ נעמט אָנ אלצ א מער אינטערנאציאָנאלנ כאראקטער די אנטיפאשיסטישע באוועגונג. די פינפ יאָר צווישנ דעמ XVII אונ XVIII צוזאמענפאָרנ זײַנענ אָנגעפילט מיט גרויסע אנטיפאשיסטישע שלאכטנ פונ די ארבעטנדיקע. דאָס איז א מעכטיקער קאמפ פונ ארבעט קעגנ קאפיטאל, פונ די קויכעס פונעמ פראָגרעס קעגנ די פינצטערע קויכעס פונ דער רעאקציע. דאָס איז א פעריאָד פונ קאמפ פונ די קאָמפארטייענ פאר דער

אײנהײט פון טאט פונעם ארבעטער־קלאס, פאר דער אײנהײט פון דער פראָפבאװעגונג, פארן אנטיפאשיסטישן פאָלקס־פראָנט. דאָס איז די אויסבילדונג פונעם פאָלקס־פראָנט אין פראנקרײַך. דאָס איז די פאנאנדערװיקלונג פון דער דעמאָקראטישער באװעגונג אפן אמעריקאנישן קאָנטינענט (אין צאָפן־ און דאָרעם־אמעריקע). דאָס איז דער פעריאָד פון אויספאָרמירן און פארברײטערן דעם נאציאָנאלן פראָנט אין א רײ קאָלאָניאַלע און אָפּהענגיקע לענדער. דאָס איז, פריער פון אלץ, די נאציאָנאל־רעװאָלוציאָנערע מילכאָמע פונעם העראָישן שפאנישן פאָלק, דאָס איז די נאציאָנאל־באפרײַערישע מילכאָמע פונעם גרויסן כינעזישן פאָלק קעגן די אימפעריאַליסטישע רויבער, װאָס האָבן זיך ארײַנגעריסן אין לאנד.

איר געדענקט, כאװײרים, װיאַזוי נאָך דעם װי דער פאשיזם איז געקומען צו דער מאכט אין דײַטשלאנד אין 1933 יאָר, האָבן אופגעהויבן דעם קאָפּ די פאשיסטן אין אנדערע קאפּיטאליסטישע לענדער, װיאַזוי זײ האָבן געצײלט אריבערצוגײן אין אָנגריף, אויסרעכענענדיק, אז די פאָלקס־מאסן װעלן אָפּטרעטן פאר זײ אָן א שלאכט, אזוי װי אין דײַטשלאנד. אָבער איר געדענקט אויך, אז גראָד דער זיג פונעם דײַטשישן פאשיזם האָט אין א יאָר ארום פאנאנדערגעבונדן א מעכטיקע אנטיפאשיסטישע באװעגונג אין דער גאנצער װעלט. אין פעװראל פון 1934 יאָר ענטפערן די ארבעטער אין פראנקרײַך אפן אָנגריף פונעם פאשיזם מיט אן אלגעמײנעם שטרײַק, װאָס האָט ארומגעכאפּט פיר מיליאָן מענטשן, אין עסטרײַך נעמען זײ זיך צום געװער, אין שפאניע אין אָקטיאבער פונעם זעלבן יאָר שלאָגן זיך אין מעשעכ פון צװײ װאָכן די אסטוריער בארגארבעטער. אומעטום זײַנען די טרײַב־קרעפטן פון אָט דעם מאסעװן װידערשטאנד קעגן דעם פאשיזם געװען די קאָמוניסטישע פארטײען, װעלכע האָבן געשמידט אינעם פראָצעס פון קאמף די אײנהײט פון טאט פונעם ארבעטער־קלאס, די אײנהײט פון טאט פון אלע ארבעטנדיקע.

אָנװענדנדיק אין דער פראקטיק דעם גרויסן לעניניש־סטאלינישן סטראטעגישן פלאן פון פאראײניקן די קויכעס פונעם פראָלעטאריאט און צוציענדיק אפ דער זײַט פונעם ארבעטער־קלאס זײַנע פארבינדעטע, רוקט ארויס דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל אפן VII קאָנגרעס אינעם פאָרטראָג פונעם כאװ. דימיטראָװ די טאקטיק פונעם אײנהײַטלעכן ארבעטער־ און אנטיפאשיסטישן פאָלקס־פראָנט צוליבן קאמף קעגן אָנגריף פונעם קאפּיטאל, קעגן פאשיזם און קעגן דער זיך אָנרוקנדיקער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע. די ארויסטרעטונג פונעם כאװ. דימיטראָװ, דעם כאװ. סטאלינס טרײַען שילער, װעלכער האָט הויך געהאלטן די פאָן פון קאָמוניזם אין לײַפּציק, האָט געפונען א הײסן אָפּקלאנג צװישן די ארבעטנדיקע פון די קאפּיטאליסטישע לענדער.

װאָסערע זײַנען געװען די אומיטלבארע רעזולטאטן פון דער אנטיפא־

שיסטישער באוועגונג, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ קימאט אינ אלע קאפיטאליסטישע לענדער? אינ פראנקרײַכ האָבנ די ארבעטנדיקע מאסנ דורכ אנ אלגעמײנעמ שטרײַק, דורכ מאסנ־דעמאָנסטראציעס, וואָס זײַנענ דערגאנגענ ביז א מיליאָנ מענטשנ בלויז אינ פאריז אלײנ, אראָפּגעריסנ דעמ פאשיסטישנ פוטש דעמ 6־טנ פעווראל פונ 1934 יאָר, האָבנ זיכ דערשלאָגנ א געזעצ וועגנ פאנאנדערלאָזנ די פאשיסטישע באוואָפנטע ליגעס, האָבנ אײַנגעשטעלט אינ פראָצעס פונעמ אנטיפאשיסטישנ קאמפ אנ אײַנהײַטלעכנ ארבעטער־ אונ פאָלקס־פראָנט; אינ רעזולטאט פונ דער מעכטיקער שטרײַק־באוועגונג זומער 1936 יאָר, וואָס איז באגלײט געוואָרנ מיט פארנעמענ די אונטערנעמונגענ, האָט זיכ דער ארבעטער־קלאס דערשלאָגנ א 40־שאָיִקע ארבעט־וואָכ, א העכערונג פונעמ ארבעטלוינ ביז 30%, אורלויבנ, וואָס ווערנ באצאָלט דורכ די אונטערנעמער, קאָלעקטיווע אָפּמאכנ אונ די אָנערקענונג פונ די פראָפּפארײנענ אפ די אונטערנעמונגענ מיצאד די באלעבאטימ; עס איז דערגרײכט געוואָרנ די פארײניקונג פונ די פראָפּפארײנענ, וואָס האָט אינ מעשעכ פונ עטלעכע כאדאָשימ געבראכט צו דער פארגרעסערונג פונ דער צאָל מיטגלידער פונ דער אלגעמײנער ארבעט־קאָנפעדעראציע פונ 900 טויזנט ביז 4 מיליאָנ; אינ זיבנ מאָל איז אויסגעוואקסנ די קאָמוניסטישע פארטײ, עס איז אויסגעוואקסנ איר אײַנפלוס אפ די ברײטע מאסנ ארבעטנדיקע, אונ, הײסט עס, די ארבעטנדיקע מאסנ זײַנענ געוואָרנ שטארקער אינעמ קאמפ קעגנ פאשיזמ.

אינ פשא ראמט אָפּ די אנטיפאשיסטישע באוועגונג פונעמ וועג די פאשיסטישע דעמאגאָגנ, ווי, לעמאָשל, דעמ פאסטאָר קאָפלינ; פונ דער רעאקציאָנערער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע טײלט זיכ אויס א לינקער פליגל, דער אזויגערופענער קאָמיטעט פונ די פראָדוציר־פראָפּפארײנענ, וואָס פירט אָנ מיטנ אריבערגײַנ פונעמ גרעסטנ טײל פונ דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג אפ די פאָזיציעס פונ קלאסנקאמפ; אויסנוצנדיק די פארבעסערונגענ פונ דער עקאָנאָמישער קאָניונקטור, פירט דורכ דער ארבעטער־קלאס א רײ גרויסע שטרײַקנ, וואָס האָבנ זיכ פארענדיקט אינ דער מערהײַט פאלנ מיטנ זיג פונ די ארבעטער. עס שטרײַקט 1 מיליאָנ טעקסטיל־ארבעטער, 400 טויזנט בארג-ארבעטער, עס שטרײַקנ ארבעטער פונ אנדערע פראָדוקציע-צווײַגנ; עס דערקלערט א דעמאָנסטראטיוונ שטרײַק קעגנ דער זיכ אָנרוקנדיקער מילכאָמע א האלב מיליאָנ שטודירנדיקע; עס וואקסט די דעמאָקראטישע באוועגונג, וואָס האלט אָפּ א קאָלאָסאלנ זיג בא די פרעזידענט־וואלנ. אינ דער כוואליע פונ אָט דער באוועגונג וואקסט די קאָמוניסטישע פארטײ פונ פשא.

אינ שפאניע, אינעמ רעזולטאט פונ די אסטוריער באוואָפנטע שלאכטנ, וואָס האָבנ געבראכט צו מאסעווע שטרײַקנ אונ צו קאָלאָסאלע דעמאָנסטראציעס, פאלט די רעגירונג פונ לערוס־היל ראָבלעס. דער פאָלקס־פראָנט האלט אָפּ דעמ 16־טנ פעווראל 1936 יאָר א גרויסנ זיג בא די וואלנ.

אינ ענגלאנד, האָלאנד, בעלגיע, רומעניע קײַקלענ זיכ האסטיק אראָפּ די פּרעטענדענטנ אפּ פאשיסטישע דיקטאטאָרנ, די אלע מאָסליס, מוסערטס, דעגרעלס, קאָדרעאנוס.

אינ מעקסיקע, קובא, טשילי זיגט די דעמאָקראטישע באוועגונג, עס ווערנ געשאפנ מאסעווע פראָפאראיינענ: ארומ 800 טויזנט ארבעטער פאראייניקט די מעקסיקאנישע ארבעט־קאָנפעדעראציע, 400 טויזנט — די קובער, 200 טויזנט — די קאָנפעדעראציע פונ טשילי.

אינ כינע וואקסט שטורמיש אָנ די באוועגונג פונ די פאָלקס־מאסנ פאר דער פרײַהײַט, אומאָפּהענגיקײַט אונ פאראייניקונג פונ כינע, פארנ אײַנשטעלנ אינ איר א דעמאָקראטישע אָרדענונג, פאר איר עקאָנאָמישער, פּאָליטישער אונ נאציאָנאלער אופלעבונג.

אינ אינדיע אנטוויקלט זיכ די שטרײַק־באוועגונג. בלויז נאָר דער דרײַכאדאָשימדיקער שטרײַק פונ די דזשוט־ארבעטער אינ בענגאליע כאפּט ארומ 225 טויזנט מאנ, עס פעסטיקט זיכ די אלגעמײנ־נאציאָנאלע באוועגונג קעגנ דער רעאקציאָנערער קאָנסטיטוציע פונ 1935 יאָר; אינ פארלויפ פונ די צוויי יאָר 1937 — 1938 פארגרעסערט זיכ די צאָל מיטגלידער פונעמ נאציאָנאלנ קאָנגרעס פונ 630 טויזנט ביז 4 מיליאָנ.

אינ די פראנצויזישע קאָלאָניעס — אינדאָכינע, אלזשיר, טוניס, סיריע דערשלאָגנ זיכ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ אָט די קאָלאָניאלע לענדער אינ רעזולטאט פונעמ זיג פונעמ פאָלקס־פראָנט אינ פראנקרײַכ אײניקע דעמאָקראטישע פרײַהײַטנ. דאָ, פונקט ווי אינ אינדיע, פאָרמירט זיכ אויכ אויס אנ אלגעמײנ-נאציאָנאלער קאמפּס־פראָנט קעגנ דער אימפּעריאליסטישער אונטערדריקונג.

די רעאקציאָנערע בורזשואזיע, אנ אָנגעשראָקענע דורכנ פארנעמ פונ דער אנטיפאשיסטישער באוועגונג, ווײַזט ארויס א מעשונע־ווילדנ ווידערשטאנד דער אנטוויקלונג פונעמ אײנהײַטלעכנ ארבעטער־ אונ פאָלקס־פראָנט. אינ פראנקרײַכ וויל זי דורכ סאבאָטירנ די פּראָדוקציע, דורכנ ארויספירנ קאפּיטאלנ אונ גאָלד קײנ אויסלאנד, דורכנ קינסטלעכנ אופבלאָזנ די פרײַזנ, דורכ דער ספּעקוליאציע אפּ דער אנטווערטונג פונעמ פראנק דיסקרעדיטירנ דעמ פאָלקס־פראָנט אונ גרייט צו די קאפּיטולירונג פונ דער רעגירונג, וואָס האָט געהאט די שטיצע פונעמ פאָלקס-פראָנט. אינ שפּאניע, איבערלאָזנדיק די פעלדער ניט פארזייט, גרייטנ צו די פריצימ א הונגער, די באנקירנ אונ קאפּיטאליסטנ אָרגאניזירנ א ווירטשאפטלעכנ כורבנ, די גענעראלנ גרייטנ צו אנ אופשטאנד, קעדיי צו מאכנ א סאָפ מיטנ פאָלקס-פראָנט. אינ כינע סטארענ זיכ די יאפּאָנישע אגענטנ אָנהעצנ דעמ גאָמינדאנ קעגנ די כינעזישע סאָוועטנ, צינדנ פאנאנדער מיט אלע מיטלענ א ברודער־מילכאָמע, קעדיי אופצורײַסנ אומ יעדנ פרײַז דעמ אלגעמײנ-נאציאָנאלנ פראָנט, וואָס האלט זיכ אינ אויסבילדנ.

עס ווערט אָבער אלצ קלאָרער, אז די רעאקציע איז ניט אימשטאנד

מיט אירע אינערלעכע קויכעס צו ספראווענ זיכ ניט מיטנ פאָלקס-פראָנט פונ פראנקרײַכ אונ שפאניע, ניט אראָפּצורײַסנ די נאציאָנאל־באפרײַערישע באוועגונג פונעם כינעזישנ פאָלק. איר צו הילפ קומט די וועלט־רעאקציע. די רעאקציאָנערע קרײַזנ פונ דער ענגלישער בורזשואזיע ווײַזנ ארויס אנ אומגעהייערנ דרוק אפ דער אינערלעכער אונ אויסערלעכער פּאָליטיק פונ פראנקרײַכ, קעדײַ צו ריכטנ עס אינעם שטראָם, וואָס איז געווּנטשנ פאר די דאָזיקע קרײַזנ. אינ שפאניע גייט אריבער דער דײַטשישער אונ איטאליענישער פאשיזמ צו אנ אָפּענער באוואָפנטער אינטערווענציע. אפנ ווײַטנ מיזרעכ הייבט אָנ די יאפּאנישע מיליטער־קליקע א גרויסע מילכאָמע קעגנ דעם כינעזישנ פאָלק.

די פעלקער, וואָס האָבנ געליטנ פונ דער אגרעסיע, ווײַזנ ארויס א באוואָפנטנ ווידערשטאנד. עס הייבט זיכ אָנ א פעריאָד פונ העראָישנ קאמפּ פונעם שפאנישנ אונ כינעזישנ פאָלק קעגנ די פרעמדלענדישע פארכאפּער, וועלכע האָבנ זיכ ארײַנגעריסנ אינ די דאָזיקע לענדער. דער דאָזיקער קאמפּ איז די גרעסטע געשעעניש אינעם לעבנ פונ די פעלקער נאָכ דער גרויסער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע אונ אירע גראנדיעזע זיגנ, נאָכ די רעוואָליוציאָנערע באוועגונגענ פונ די יאָרנ 1918—1923 אינ אייראָפּע. די באדײַטונג פונעם דאָזיקנ קאמפּ איז א קאָלאָסאלע. זי פענטעט די קויכעס פונ די אגרעסאָרנ, האלט אײַנ די ווײַטערדיקע פארברייטערונג פונ דער צווייטער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע, פארלײַכטערט דעם קאמפּ פונעם אינטערנאציאָנאלנ פּראָלעטאריאט קעגנ זײַנע עקספּלואטאטאָרנ, ווײַזט אויכ הילפּ דער אנטיפאשיסטישער באוועגונג אינ אלע לענדער.

צוגרייטנדיק דעם בונט פונ די גענעראלנ אינ שפאניע, האָבנ די דײַטשישע אונ איטאליענישע פאשיסטנ אויסגערעכנט אפ א לײַכטנ אונ שנעלנ זיג. זיי האָבנ געמיינט, אז אינ שפאניע קאָנ מענ איבערכאזערנ דעם אָפּערעטנ־מארש אפ רוימ פונ 1922 יאָר. זיי האָבנ געמיינט, אז דאָס וועט זײַנ אנ אָרדנטלעכער מיליטערישער פּוטש, וואָס אזוינע זײַנענ געווענ ניט זעלניק אינ דער געשיכטע פונ שפאניע, וועלכער וועט זיכ פארענדיקנ אינ איינ נאכט מיט א זיג פונעם גענעראל, וואָס קריכט אפנ פּיעדעסטאל פונ א פאשיסטישנ דיקטאטאָר. מיט זײַנ העראָישנ קאמפּ האָט דאָס שפאנישע פאָלק באוויזנ, אז די צײַטנ פונ גרינגע זיגנ פארנ פאשיזמ גייענ פארבײַ. די אינטערווענציע אינ שפאניע האָט געקאָסט דעם דײַטשישנ אונ איטאליענישנ פאשיזמ ארומ א מיליארד אמעריקאנער דאָלארנ, א קאָלאָסאלע פארוועגדונג פונ קריגס־מאטעריאלנ, באדײַטנדיקע פארלוסטנ פונ מענטשנ־רעזערוונ אונ פונעם געשולטנ קאדרענ־באשטאנד פונ זייערע ארמייענ.

קימאט דרײַ יאָר פירט דאָס קנאפּ־באוואָפנטע שפאנישע פאָלק, וואָס איז פאראטנ געוואָרנ דורכ די אזויגערופענע בורזשואז־דעמאָקראטישע מעלוכעס, א ניט־גלײַכנ העראָישנ קאמפּ פאר זײַנ אומאָפּהענגיקײַט, פאר דער זאכ פונ דער גאנצער פאָרגעשריטענער אונ פּראָגרעסיווער מענטשהײַט.

אפלאָדיסמענטנ). עס האָט געפירט דעמ דאָזיקנ קאמפ קעגנ דער קריגס־אינטערווענציע פונ צוויי גרויסע אימפעריאליסטישע מעלוכעס, פונ דער פאשיסטישער איטאליע אונ דייטשלאנד, אונ קעגנ דער פארבאהאלטענער אינטערווענציע פונ דער וועלט־רעאקציע, וואָס האָט דורכגעפירט די בלאָקאדע פונ דער שפאנישער רעפובליק אונטערנ צוויִעסדיקנ לאָזונג פונ דער „פאָליטיק פונ ניט-אריינמישונג" — אינ אייראָפע, אונ פונ דער פאָליטיק פונ „איזאָליאציאָניזמ" — אינ אמעריקע.

דער רעפובליק איז אויסגעקומענ אינ דער דאָזיקער צייט בייצוקומענ אומגעהייערע שוועריקייטנ. די רעפובליק האָט ניט געהאט קיינ ארמיי. אונטערנ פייער פונעמ סוינע האָט זי באשאפנ א פאָלקס־ארמיי, וואָס האָט אריינגעשריבנ אינ דער געשיכטע פונ דער נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערער מילכאָמע פונעמ שפאנישנ פאָלק אזעלכע זייטלעכ, ווי די שלאכטנ בא מאדריד, בא גוואדאלאכארא, בא כאראמא, אפ עבראָ. די רעפובליק האָט ניט געהאט קיינ קאָמאנדיר־קאדרעג. אינעמ פראָצעס פונ קאמפ זיינענ אויסגעשמידט געוואָרנ טויזנטער אייזערנע קאָמאנדירנ אונ רומפולע פאָליטקאָמיסארנ; עס האָבנ זיכ אופגעהויבנ פונ דער טיפעניש פונעמ פאָלק אזעלכע מענטשנ, ווי מאָדעסטאָ אונ ליסטער, וועמעס נעמענ עס רעדט ארויס מיט ליבע אונ אכטונג יעדער ערלעכער אנטיפאשיסט אונ מיט האס — אלע סאָנימ פונעמ שפאנישנ פאָלק. די רעפובליק האָט ניט געהאט קיינ קריגס־אינדוסטריע. זי האָט זי געבויט אינ גאנג פונ דער מילכאָמע. אלטע אונ יונגע, שפאנישע מוטערס אונ מיידלעכ האָבנ אריינגעטאָנ זייער גאנצע נעשאָמע אינ דער דאָזיקער זאכ. די רעפובליק האָט ניט געהאט קיינ פאָרטיפיקאציעס, דאָס שפאנישע פאָלק פלעגט נעמענ אינ האנט די קירקע אונ פלעגט פארפעסטיקנ די פראָנטנ פונ די רעפובליקאנישע ארמייענ.

וויאזוי איז דאָס געשענ דער נעס, וואָס די שפאנישע רעפובליק, אפ א פארהעלטנישמעסיק ניט־גרויסנ האלב־אינדזל, האָט זיכ געקאָנט איינהאלטנ אזויפיל צייט, אינ די באדינגונגענ פונ בלאָקאדע, פונ א קאָלאָסאלנ איבערוואָג פונעמ קעגנער אינ באוואָפענונג? דער דאָזיקער נעס איז מעגלעכ געוואָרנ דערפאר, ווייל עס איז איינגעשטעלט געוואָרנ די איינהייט פונ טאט פונעמ ארבעטער־קלאס, ווייל עס איז אויסגעשמידט געוואָרנ אנ ענגער צוזאמענבונד פונעמ ארבעטער־קלאס מיטנ פויערטומ, דערפאר, ווייל די פאָלקס־מאסנ פונ שפאניע זיינענ געווענ פאראייניקט דורכנ אנטיפאשיסטישנ פאָלקס־פראָנט, דערפאר, ווייל דער דאָזיקער פראָנט איז צעמענטירט געוואָרנ דורכ דער קאָמוניסטישער פארטיי, וואָס איז אויסגעוואקסנ אינ א גרויסער פאָליטישער קראפט, דערפאר, ווייל דאָס שפאנישע פאָלק האָט באקומענ אינטערנאציאָנאלע שטיצע פונ די ארבעטנדיקע אונ פריִער פונ אלצ פאָליטישע שטיצע פונ די פעלקער פונ פססר אונ פונעמ פאָטער פונ אלע ארבעטנדיקע — פונעמ כאווער סטאלינ. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ).

אינ מעשעכ פונ קימאט דריי יאָר איז דער קאמפ פונעמ שפאנישנ פאָלק

געשטאנענ אינ צענטער פונ דער אופמערקזאמקייט פונ דער גאנצער וועלט. ער האָט ארויסגערופנ אומעטומ אנציקונג צווישנ מיליאָנענ ארבעטס־מענטשנ אונ בייזע סינע בא דער וועלט־רעאקציע. מיט זיינ ביישפּיל האָט דאָס שפּאנישע פאָלק גערופנ אלע אנדערע פעלקער צו א ווידערשטאנד קעגנ די פאשיסטישע מילכאָמע־אונטערהעצער, האָט מיטגעהאָלפנ דער באהעפטונג פונ די קרעפטנ פונ שאָלעמ אונ פרייהייט אינ אלע קאפּיטאליסטישע לענדער. ארומ דער רעפּובליקאנישער שפּאניע האָט זיכ געשאפנ א ברייטע מאסנ־באוועגונג פונ סאָלידאריטעט, וואָס כאפּט ארומ קימאט אלע לענדער פונ דער וועלט. דאָס איז די סאמע מעכטיקע סאָלידאריטעט־באוועגונג פונ די ארבעטנדיקע זינט דער אימפּעריאליסטישער אינטערווענציע קעגנ דעמ לאנד פונ די ראטנ. זי נעמט אָנ פארשיידנארטיקע פאָרמענ, אָנגעהויבנ פונ געלט־זאמלונג, פונ מאסנ־מיטינגענ אונ דעמאָנסטראציעס, פונ שאפנ קאָמיטעטנ צו באשיצנ שפּאניע ביז צו פּאָליטישע שטרייקנ אונ צו פאָרמירנ פרייוויליקע אָטריאדנ. ניט געוועזענע לויט זייערע מאסשטאבנ דעמאָנסטראציעס קומענ פאָר אינ די לענדער פונ דער לאטיינישער אמעריקע; אינ דער ווייטער אינדיע ווערט דורכגעפירט אנ אלפאָלקישער טאָג פונ סאָלידאריטעט מיט דער רעפּובליקאנישער שפּאניע.

די באוועגונג פונ סאָלידאריטעט מיטנ שפּאנישנ פאָלק רייסט זיכ דורכ אינ די פאשיסטישע לענדער. אינ איטאליע פירנ דורכ די אנטיפאשיסטנ געהיימע זאמלונגענ, גיבנ ארויס טויזנטער פליוגבלעטלעכ, שרייבנ באנאכט אנטיפאשיסטישע אויפשריפטנ אפ די הייזער; עס ווערנ אָפטער די פאלנ פונ סאבאָטאזש־אקטנ אפ די מיליטערישע זאוואָדנ, די פאלנ, ווענ סאָלדאטנ אנטזאגנ זיכ צו פאָרנ מילכאָמע האלטנ קעגנ דער רעפּובליקאנישער שפּאניע.

אינ אלע לענדער וואקסט אריבער די דאָזיקע סאָלידאריטעט־באוועגונג אינ א קאמפּ פונ די ארבעטנדיקע קעגנ דעמ פאשיזמ אינ זייער אייגענעמ לאנד, אינ אנ אינטערנאציאָנאלנ קאמפּ פונ די אנטיפאשיסטישע קויכעס קעגנ דער וועלט־רעאקציע. די הילפּ פאר דער רעפּובליקאנישער שפּאניע דאָס איז א פּלאטפאָרמ פארנ אינטערנאציאָנאלנ איינהייטלעכנ ארבעטער־פראָנט, וואָס ווערט סטיכיש אויסגעבילדעט.

אפנ אנדערנ עק פונ דער ערד האָט דאָס גרעסטע אינ דער וועלט 450־מיליאָניקע פאָלק פונ א קאָלאָסאל לאנד, דאָס פאָלק, וועלכעס עס האָבנ שטענדיק געבויגנ צו דער ערד, געשלאָגנ, ראבירט אונ דערנידעריקט די אימפּעריאליסטישע רויבער, זיכ אופגעהויבנ צו פארטיידיקנ זיינ לאנד אונ זיינ נאציאָנאלע אומאָפּהענגיקייט. די מילכאָמע אינ כינע איז די גרעסטע נאציאָנאל־באפרייערישע מילכאָמע פונ א האלב־קאָלאָניאל לאנד, וועלכע די געשיכטע ווייסט נאָר. זי האָט א נאָכ מער גרעסערע באדייטונג דערפאר, וויל זי ווערט געפירט פונעמ כינעזישנ פאָלק קעגנ אנ אימפּעריאליסטישער מעלוכע, וואָס שפּילט די ראָליע פונ א זשאנדארמ פונ דער גאנצער וועלט־רעאקציע אפנ וועלטנ מיזרעכ. אינעמ גאנג פונ אָט דעמ

קאמף האָט דאָס כינעזישע פאָלק געמאכט א סאָף צו דער ברודער־מילכאָמע,
וואָס צערייסט דאָס לאנד, און שמידט אויס אן אלגעמיין־נאציאָנאלע איינ־
הייט, פאר וואָס עס האָבן מער פון אלץ שטענדיק מוירע געהאט די אימ־
פעריאליסטן. די מילכאָמע פון כינע קעגן דעם יאפאַנישן אימפעריאליזם
נעמט אָן אלץ מער א כאראקטער פון אן אלפאָלקישער מילכאָמע. ניט געקוקט
אפן מיליטעריש־טעכנישן פאָרצוג פון יאפאָניע, ווייזט דאָס כינעזישע פאָלק
ארויס אן איינגעשפארטן ווידערשטאנד דעם סוינע, עס שלאָגט אים פונעם
הינטערלאנד, רינגלט אים ארום מיט פארטיזאנישע אָטריאדן, צעשטערט די
יאפאָנישע קאָמוניקאציע־ליניעס, צערט אויס און רייסט אונטער די קויכעס
פונעם סוינע דורך א פארצויגענער מילכאָמע.

צוויי מיט א האלבן מיליארד אמעריקאנער דאָלארן האָט אָפּגעקאָסט
יאפאָניע איר מילכאָמע קעגן כינע, אָבער קיין באלעבאָס פון כינע איז די
יאפאָנישע פאשיסטישע מיליטער־קליקע ניט געוואָרן. דאָס יאפאָנישע מילי־
טער האלט די ליניע פון די אייזנבאנען און די שטאָטישע צענטערס,
אָבער די קאָלאָסאלע טעריטאָריע פונעם לאנד, מיטן כינעזישן פאָלק, וואָס
באפעלקערט זי, געפינען זיך אלץ אונטער דער מאכט פון דער נאציאָנא־
לער כינעזישער רעגירונג. אין הינטערלאנד בא די יאפאָנישע אָקופאנטן
פארוואלטעט א כינעזישע אדמיניסטראציע, פונקציאָנירן כינעזישע געזעצן,
ווערט דורכגעפירט א מאָביליזאציע אין דער כינעזישער נאציאָנאלער ארמיי.
פון מויל צו מויל ווערט איבערגעגעבן דער לאָזונג פון דער נאציאָנאלער
מילכאָמע: „פאלט אין שלאכט דער פאָטער, שטעלט זיך דער זון אפ זיין
אָרט, א ברודער וועט פארבייטן דעם אומגעקומענעם ברודער, דאָס ווייב
וועט פארבייטן דעם דערהארגעטן מאן".

דער איינגעשפארטער ווידערשטאנד פונעם כינעזישן פאָלק רעוואָליוציאָ־
ניזירט אלץ מער די ארבעטנדיקע מאסן פון יאפאָניע, וואָס שמאכטן אונ־
טערן יאָך פון רעכטלאָזיקייט, פון אומגעהייערער עקספלואטאציע, אונטער
דער אומדערטרעגלעכער לאסט פון שטייערן. די שוועריקייטן פון דער יא־
פאָנישער מיליטער־קליקע פארשטארקן דעם וווקס פון די אָפּאָזיציאָנעלע
שטימונגען אין אלע שיכטן פונעם פאָלק און פארשארפן די ווידערשפרוכן
אפילע אינעם לאגער פון די הערשנדיקע קלאסן. עס וואקסט אָן די שטרייק־
באוועגונג, עס וואקסט די אומצופרידנקייט פון די יאפאָנישע ארבעטנדיקע
מאסן מיט דער מילכאָמע, וואָס פארציט זיך. אויסגעמאטערטע דורך די
אומופהערלעכע שלאכטן, אוועקגעשטעלטע פאָנעם צו פאָנעם מיט א פאָלק, וואָס
באשיצט זיין לאנד, הייבן די יאפאָנישע סאָלדאטן אָן צו פארלירן דאָס
געדולד. אלץ אָפטער ווייזן זיך ארויס סימאָנים פון יוירונג אין דער ארמיי
פון די יאפאָנישע אינטערווענטן. מיט זיין העראָישן קאמף דעמאָראליזירט דאָס
כינעזישע פאָלק ניט נאָר די יאפאָנישע ארמיי און דאָס יאפאָנישע הינטער־
לאנד, עס ברענגט אין באוועגונג די פאָלקס־מאסן פון אזיע און וועקט אלע
קאָלאָניאלע פעלקער. מיט זיין ביישפיל פון שאפן אן אנטייאפאָנישן נא־

ציאָנאַלן פראָנט לייגט עס ארײַן אין די הענט פון די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער א מעכטיק געווער פון זייער נאציאָנאַלער באפרײַונג, א געווער, וואָס איז דורכגעקאָנטראָלירט אַפּ דער דערפארונג פון א ביז גאָר קאָלאָסאַלן לאַנד, אַפּ דער דערפארונג פון מיליאָנען.

„פארשטייט זיך, דער העראָישער קאמף פונעם כינעזישן פאָלק און פון זײַן ארמיי קעגן די יאפּאָנישע פארכאפּער, דער קאָלאָסאַלער נאציאָנאַלער אופשטײַג אין כינע, די קאָלאָסאַלע רעזערוון פון מענטשן און טעריטאָריע אין כינע, ענדלעך, די אנטשלאָסנקײַט פון דער כינעזישער נאציאָנאַלער רעגירונג צו דערפירן דעם באפרײַונגס-קאמף פון כינע ביזן סאָף, ביזן פולשטענדיקן ארויסיאָגן די פארכאפּער פון די גרענעצן פון כינע,—דאָס אלץ רעדט אָן שום צווייפל פאר דעם, אז די יאפּאָנישע אימפּעריאַליסטן האָבן ניט און קאָנען ניט האָבן קיין צוקונפט אין כינע". (געשיכטע פון דער אלקפּ(ב). קורצער קורס, ז. 318).

אָבער וואָס ווײַטער עס האָט זיך פארצויגן די אינטערווענציע אין שפּאַניע און די מילכאָמע אין כינע, אלץ אומרויִקער איז געוואָרן די וועלט-רעאקציע. דער געראנגל צווישן דעם פאשיזם און די אנטיפאשיסטישע קרעפטן האָט געדראָעט זיך ענדיקן ניט לטובֿת די פאשיסטישע אגרעסאָרן. עס האָט זיך אופגעהויבן אן אומצופרידנקײַט פון דער באפעלקערונג קעגן די קריגס-אוואנטיורעס פון די פאשיסטישע רעגירונגען. אלץ אָפטער און מער אָפן לאָזן זיך הערן שטימען אין די מאסן: „וווּהין פירן זיי אונדז?". אלץ מער ווערט אופגעדעקט די אינערלעכע איזאָליאציע פונעם פאשיזם און די פארשמעלערונג פון זײַן סאָציאַלער באזע. אין דײַטשלאנד וואקסט די אופגעבראכטקײַט פון די ארבעטער קעגן זייער שרעקלעכער מאטעריעלער לאגע, קעגן דעם אײַנפירן א 14-שאָ׳יקן ארבעטס-טאָג, קעגן זייער רעכטלאָזיקײַט, קעגן צופּעטשקען זיי, ווי לײַבייגענע, צו דער פאבריק, עס וואקסט די אומצופרידנקײַט פון די פּויערים קעגן דער פרעכער ארײַנמישונג פון דער פאשיסטישער מאכט אין זייער ווירטשאפט, קעגן דעם, וואָס זיי ווערן בארויבט דורך די גרויסע און קליינע „פּירערס"; עס איז אומצופרידן די קליין-בורזשואזיע, וועמען די פאשיסטישע רעדלפירער שטויסן באוווּסטזיניק אין טהאָם פון רויִנירונג, כדי צו באקומען ביליקע ארבעטס-קראפט, עס קומען אין באוועגונג די קאטוילישע מאסן, איבער וועלכע דער פאשיזם אידזיעקעוועט זיך, עס וואקסט די אָפּאָזיציע אין די רייען פונעם רײַכסווער, וועלכער האָט מוירע, אז די מילכאָמע, וואָס דער פאשיזם גרייט צו, זאָל לײַדן א מאפּאָלע. עס וואקסט די אופגעבראכטקײַט פונעם דײַטשישן פאָלק קעגן דעם כאבאר, דער רויבערײַ, דעם ווילקיר פון דער קאָרומפּיר-

טער פאשיסטישער ביוראָקראטיע. די געסטאפּאָ ענטפּערט אפ דער דאָזיקער כוואליע פונ אומצופרידנקייט מיט נייע אכזאָריעסדיקע רעפּרעסיעס, מיט עשאפאָט אונ האק, מיט יידישע פּאָגראָמענ, וועלכע שטעלנ אופ די פינצ־טערע צייטנ פונעמ מיטלאלטער. דער שעפ פונ געסטאפּאָ הימלער פאָדערט א פארשטארקונג פונ די שוצ־אָטריאדנ, קעדיי פאנאנדערצוויקלענ דעמ קאמפ אפנ „אינערנ־טעאטער פונ די קריגס־אָפּעראציעס".

באמיענדיק זיכ צו העלפנ דעמ דייטשישנ פאשיזמ ארויסצוגייג פונ די אינערלעכע שוועריקייטנ, צו פארשטארקנ זיינע פּאָזיציעס אינעמ קאמפ קעגנ די אנטיפאשיסטישע קויכעס, לאָזנ אימ דורכ די ענגלישע רעאקציאָנערנ קיינ עסטרייכ, עפענענ אופ פאר אימ לאקייִש די טירנ אינ טשעכאָסלאָ־וואקיע. צוגרייטנדיק דעמ מינכענ, דריקנ זיי צוזאמענ מיט די פראנצויזישע רעאקציאָנערנ אפ דער טשעכאָסלאָוואקישער רעגירונג, פאָדערנדיק, אז זי זאָל קאפּיטולירנ אונ האנדלענ אפנ עסטרייכישנ שטייגער. דאָס טשעכישע פאָלק, זיינ ארמיי ווילנ האנדלענ אפנ שפאנישנ שטייגער. די טיילווייזע מאָביליזאציע אינ פראנקרייכ אונ ענגלאנד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ מיטנ ציל אָפּצונארנ די מאסנ, גיסט זיכ אויס אינ א דעמאָנסטראציע פונ אנטיפאשיסטישע שטימונגענ, אינ דער צייט, ווענ די מאָביליזאציע אינ דייטשלאנד אנטפּלעקט אינ די סאמע ברייטע שיכטנ פונעמ פאָלק אופגעבראכטקייט קעגנ די פאשיסטישע רעגירער, אלס די עמעסע אונטערצינדער פונ מילכאָמע.

די מינכענער מאכינאציע, ברענגענדיק טשעכאָסלאָוואקיע פאר א קאָרבנ דעמ דייטשישנ פאשיזמ, איז געווענ א פארשווערונג פונ דער רעאקציע קעגנ דעמ אינטערנאציאָנאלנ ארבעטער־קלאס, קעגנ דער אנטיפאשיסטישער באוועגונג פונ אלע לענדער, קעגנ דעמ שאָלעמ אונ דער פרייהייט פונ אלע פעלקער. זי איז געווענ א פארשווערונג קעגנ דער שפאנישער רעפּו־בליק. דאָס פארכאפּנ קאטאלאָניע דורכ די אינטערווענטנ איז א דירעקטער רעזולטאט פונעמ מינכענ. דאָס דאָזיקע פארכאפּנ האָט מענ געגרייט ניט נאָר אינ רוימ אונ אינ בערלינ, נאָר אויכ אינ לאָנדאָנ אונ אינ פאריז. אלע אינ דער וועלט האָבנ געוווסט, אז, האָבנדיק זיכ דערשלאָגנ די קאפּיטולירונג פונ פראָג, וועלנ זיכ די מינכענער ארופוואַרפנ אפ דער רעפּובליקאנישער שפּא־ניע. מינכענ האָט אינגאנצנ אונ פולשטענדיק פאנאנדערגעבונדנ די הענט דעמ דייטשישנ אונ איטאליענישנ פאשיזמ אינ דער אינטערווענציע אינ שפאניע.

נאָכנ פארכאפּנ קאטאלאָניע דורכ די איטאליעניש־דייטשישע אינטער־ווענטנ האָבנ די ענגליש־פראנצויזישע רעאקציאָנערנ אראָפּגעוואָרפנ די מאס־קע. פונ א פארבאהאלטענער אינטערווענציע זיינענ זיי אריבערגעגאנגענ צו אנ אינטערווענציע אנ אָפענער. אויספילנדיק די באשטעלונג פונ בערלינ אונ רוימ, האָבנ זיי זיכ געאיילט אָנערקענענ פראנקאָנ. זיי האָבנ אָרגאניזירט א פארעטערישע אָפּעראציע, איבערגעבנדיק די קריגס־יאמישע באזע פונעמ אינדזל מינאָרקא די איטאליעניש־דייטשישע אינטערווענטנ. די פראנצויזישע

רעאקציאָנערנ, וועלכע האָבנ זיכ סיסטעמאטיש אָפגעזאָגט איבערצוגעבנ דער געזעצלעכער רעפובליקאנישער רעגירונג פונ שפאניע דעמ גאָלד־רעזערוו, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ פראנקרײַכ, האָבנ אימ כניפעדיק דערלאנגט דעמ אגענט פונ דער וועלט־רעאקציע — פראנקאָנ. די ענגלישע באנקירנ מיטנ העסקעמ פונ די קאָנסערוואטיווע קרײַזנ פונ ענגלאנד האָבנ ארויסגעוויזנ גרייטקייט צו געבנ די שפאנישע בונטאָווטשיקעס א האלוואָע אפ צו דעקנ די הוצאָעס פונ דער דײַטשיש־איטאליענישער אינטערווענציע אונ צו ראטעווענ די שפאנישע פאשיסטנ פונעמ קראכ פונ זייער אינערלעכנ רעזשימ. נאָכ מער, די ענגליש־פראנצויזישע רעאקציע האָט אָרגאניזירט מיט דער הילפ פונ די פארעטערישע עלעמענטנ אינעווייניק אינ שפאניע א קאָנטררעוואָליוציאָנערע איבערקערעניש אינ מאדריד אונ קארטאכענא, קעדיי אינעמ סאמע שווערנ מאָמענט פונ קאמפ פונעמ שפאנישנ פאָלק אראָפצורײַסנ זײַנ ווידערשטאנד קעגנ די אינטערווענטנ.

עס וועט זיכ אָבער ניט אײַנגעבנ דער וועלט־רעאקציע צו שטעלנ אפ די קני דאָס שפאנישע פאָלק. נאָר א מעשוגענער קאָנ מיינענ, אז אָט דאָס שטאָלצע אונ פרײַהייטליבנדיקע פאָלק וועט שאָלעמ מאכנ מיט דער קאָלאָניאלער אָפהענגיקייט פונ זײַנ לאנד, וואָס עס גרייט פאר אימ די וועלט־רעאקציע, אז עס וועט געהאָרכזאמ אײַנבייגנ דעמ רוקנ פאר דעמ פארעטער, אוואנטיוריסט אונ אגענט פונעמ פרעמדלענדישנ פאשיזמ — פראנקאָ. אפנ רוקנ פונעמ שפאנישנ פאָלק האָבנ זיכ ניט אײַנגעהאלטנ, ניט געקוקט אפ דער גאנצער שטיצע פונ דער וועלט־רעאקציע, ניט קיינ קיניגנ, ניט קיינ דיקטאטאָרנ, ניט קיינ אלפאָנסנ, ניט קיינ פרימאָ דע ריווערא'ס. וויזשע קאָנ זיכ אײַנהאלטנ אנ ארויסוורפ, וואָס האָט צעשטערט מיט דײַטשישער ארטילעריע די שפאנישע שטעט אונ יישווימ, וואָס האָט געטויט מיט איטאליענישע באָמבעס טויזנטער שפאנישע פרויענ אונ קינדער, א הענקער, וואָס האָט פארגאָסנ שפאניע מיט בלוט, א פארהאסטער אונ א פארשאָלטענער דורכנ שפאנישנ פאָלק?

(א שטימע פונ זאל: „ריכטיק“. אפלאָדיסמענטנ).

דער וועלט־רעאקציע וועט זיכ ניט אײַנגעבנ אויסצומעקנ פונעמ באוווסטזײַנ פונעמ שפאנישנ פאָלק זײַנ קימאט דרײַיאָריקנ העראָישנ קאמפ קעגנ די פרעמדלענדישע פארכאפער. דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געוווסט פונ בעסערע טעג. עס האָט געהאלטנ געווער אינ זײַנע הענט. עס האָט געזייט די פעלדער פונ די פריצימ, עס האָט אליינ אָרגאניזירט די פראָדוקציע אפ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, עס האָט פארזוכט א פרײַ לעבנ. אזא פאָלק וועט קיינמאָל ניט ווערנ אונטערטעניק. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ).
זײַנע קאָרבאָנעס וועלנ זיכ אויסקויפנ אינ הונדערט מאָל מער. אינעמ באוווסטזײַנ פונ די ארבעטנדיקע וועלנ זיי פארבלײַבנ אלס אנ אייביקע שאנד, וואָס מע קאָנ ניט אָפוואשנ, ניט בלויז אפ די פאשיסטישע רעגירונגענ, נאָר אויכ אפ זייערע ענגלישע אונ פראנצויזישע מיטהעלפער, אפ אלע

עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ, זיי וועלנ אופהייבנ א שטורעמ פונ האס בא די פעלקער קעגנ זיי, וועלנ פארוואנדלענ דעמ רעוואָליוציאָנערנ צאָרנ פונ די מאסנ אינ גרויסע רעוואָליוציאָנערע טאטנ פונ פעלקער. זאָלנ ניט מיינענ די פראנצויזישע רעאקציאָנערנ, אז מיט דער הילפ פונ זייער פארעטערישער פּאָליטיק בענעגייע דער רעפּובליקאנישער שפּאניע וועלנ זיי א סאָפ מאכנ צו דער ארבעטערשער אונ אנטיפאשיסטישער באוועגונג אינ פראנקרייכ. עמעס איז, אז מיט דער דאָזיקער עקלהאפטער פּאָליטיק האָבנ זיי אופגעמונטערט אלע קעגנער פונעמ פאָלקס־פראָנט. עס זיינענ ארויסגעקראָכנ אפנ אויבערפלאכ די אגענטנ פונ דער בורזשואזיע, וואָס האָבנ זיכ דורכגעשמוגלט אינ די רייענ פונעמ פאָלקס־פראָנט, קעדיי אופצורייסנ אימ פונ אינעווייניק. עס האָבנ אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אלע קאפּיטוליאנטישע עלעמענטנ, וואָס זיינענ צוגעטריבנ געוואָרנ דורכ די כוואליעס פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג צומ אנטיפאשיסטישנ ברעג. אָט די אלע סאָנים פונעמ פאָלקס־פראָנט האָבנ זיכ צעגארטלט. זיי שיסנ אינ קאָמוניסטנ אינ מאדריד, זיי פאָדערנ, מע זאָל אראָפּרייסנ דעמ איינהייטלעכנ ארבעטער־פראָנט אינ פראנקרייכ, זיי ווילנ זיכ דערשלאָגנ צו ליקווידירנ די באוועגונג פונעמ פאָלקס־פראָנט אינ אנדערע לענדער. דאָס אָפּריינקנ די אנטיפאשיסטישע באוועגונג פונעמ דאָזיקנ פארעטערישנ קאפּיטוליאנטישנ שומ וועט זי נאָר פארפעסטיקנ אונ וועט זי מאכנ מער שלאכטפייִק.

די פארעטערישע פּאָליטיק פונ די מינכענער ברענגט אינ באוועגונג יענע שיכטנ, וואָס זיינענ ביז איצט געשטאנענ אויסער פּאָליטישנ קאמפ, דינט פאר אנ אויסגאנג־פּונקט פונ א מער ברייטער קאָנצענטרירונג פונ די קויכעס קעגנ דער וועלט־רעאקציע, איידער דער פאָלקס־פראָנט, גיט א שטויס פאר א נייעמ אופשטייג פונ דער אנטיפאשיסטישער באוועגונג אינ דער גאנצער וועלט אונ פריִער פונ אלצ אינ ענגלאנד, פארשנעלערט דאָס רייפ ווערנ אינ די מאסנ פונ דער אידיי פונ שטורעמענ דעמ קאפּיטאליזמ.

צי האָט מענ אָבער געקאָנט, כאווייריִמ, אראָפּרייסנ די פארשווערונג פונ דער וועלט־רעאקציע קעגנ דער שפּאנישער רעפּובליק? דאָס איז אָנ סאָפעק מעגלעכ געווענ. דאָס וואָלט מעגלעכ געווענ, אויב דער אינטערנאציאָנאלער פּראָלעטאריאט וואָלט פונ סאמע אָנהייב פונ דער נאציאָנאל־רעוואָליוציאָנערער מילכאָמע פונעמ שפּאנישנ פאָלק פאראייניקט זיינע קויכעס, אויב די אָנפירונג פונעמ II אינטערנאציאָנאל וואָלט אָנגענומענ דעמ פאָרשלאָג פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל וועגנ איינשטעלנ אנ איינהייט פונ טאט צוליבנ קאמפ קעגנ אָנגריפ פונעמ קאפּיטאל, קעגנ פאשיזמ אונ אימפּעריאליסטישע מילכאָמעס.

זיינ פאָרשלאָג וועגנ איינהייט פונ טאט האָט דער אויספיר־קאָמיטעט פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל געמאכט צענ מאָל אינעמ פארגאנגענעמ פינפיאָר. וואָס האָבנ אונדז געענטפערט די רעאקציאָנערע לידערס פונעמ סאָציאליסטישנ אינטערנאציאָנאל? זיי האָבנ געענטפערט, אז צוליב

דער אינטערנאַציאָנאַלער אײנהײַט פון טאַט איז נײטיק די פאָרלױפיקע פאַרװירקלעכונג פונעם אײנהײַט־פראָנט אין באַזונדערע לענדער. די סעקציעס פונעם קאָמינטערן האָבן זיך געװענדט צו באַזונדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטײען, די לידערס פון אָט די פאַרטײען האָבן געענטפערט, אַז פריִער דאַרף מען זיך דערשלאָגן אַ פאַרשטענדיקונג אינעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אינעם ברען פון די אַסטוריער שלאַכטן האָבן די לידערס פונעם II אינטערנאַציאָנאַל צײניש פאָרגעלײגט דעם קאָמינטערן אָפּװאַרטן עטלעכע כאַדאָשים, ביזװאַנען עס װעט זיך פאַרזאַמלען זײער אױספירקאָם. דער אױספירקאָם פלעגט זיך פאַרזאַמלען, די מערהײַט סעקציעס זײַנע האָט געשטימט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אײנהײַט פון טאַט, אָבער קעגן דער אײנהײַט פון טאַט זײַנען געװען די ענגלישע לײבאָריסטן. און די מערהײַט האָט זיך אונטערגעװאָרפן דעם װילן פון די סיטרינס און מאָריסאָנס, האָט זיך אונטערגעװאָרפן דעם װילן פון דער ענגלישער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע, װאָס איז געשטאַנען הינטער זײערע פלײצעס.

אָבער װען דער אינטערנאַציאָנאַלער פראָלעטאַריאַט װאָלט געװען פאַרײניקט זײַנע קױכעס, װאָלט ער זיך געקאָנט דערשלאָגן דאָס עפענען די גרענעצן פון דער רעפובליקאַנישער שפּאַניע, דאָס ניט דערלאָזן איר בלאָקאַדע, ער װאָלט געקאָנט העלפן דעם שפּאַנישן פאָלק אָפּהאַלטן אַ זיג, דערמיט גופע אױסמײַדן די אָקופּאַציע פון עסטרײַך, די צעגלידערונג פון טשעכאָסלאָװאַקיע, ער װאָלט אַראָפּגעריסן די עצעם מעגלעכקײַט פון דער מינכענער פאַרשװערונג. ער האָט זיך געקאָנט דערשלאָגן די מאַפּאָלע פונעם איטאַליענישן פאַשיזם אין אַביסיניע, צװינגען די בורזשואַזע רעגירונגען דורכפירן אין טאַט די סאַנקציעס, װאָס זײַנען דעקלאַרירט געװאָרן דורך דער פעלקער־ליגע. ער האָט געקאָנט אופהײבן די אַלװעלטלעכע געזעלשאַפטלעכע מײנונג קעגן יאַפּאָניע, אַראָפּרײַסן דאָס באַזאָרגן יאַפּאָניע מיט רױװאַרג, באַװאָפענונג, פאַרטרײַבן די יאַפּאַנישע מיליטער־קליקע אין אַ טעמפּן װינקל. דאָס אָבער האָבן ניט געװאָלט די קאַפּיטולאַנטן פונעם II אינטערנאַציאָנאַל, װײַל זײ האָבן מער מורא פאַרן זיג פונעם פאָלקס־פראָנט, אײדער פאַרן זיג פונעם פאַשיזם.

צי קאָן מען נאָך שטערן דער װײַטערדיקער פאַנאַנדערװיקלונג פון דער צװײטער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע און ברענגען אַ מאַפּאָלע דעם פאַשיזם? מע קאָן, האַגאַם דאָס איז איצט שװערער, אײדער דאָס איז געװען פריִער.

װאָס דאַרף מען איצט טאָן צוליב דעם, אַז מע זאָל ברענגען אַ מאַפּאָלע די פאַשיסטישע אַגרעסאָרן?

ערשטנס, איז נײטיק אַן אַנטשלאָסענער קאַמף קעגן די קאַפּיטולאַנטן, ביז זײער פולער דעמאַסקירונג, זײער איזאָלירונג און צעגראָמירונג. די קאַפּיטולאַנטן זײַנען ניט בלױז פשאָרעמאַכער מיט דער בורזשואַזיע, דאָס זײַ-

נען פשאָרעמאכער מיט דעם אמערסטנ רעאקציאָנערנ טייל פונ דער בורזשואזיע, פשאָרעמאכער מיטנ פאשיזמ. די קאפיטוליאנטנ זיינענ די פאשיסטישע אגענטור אינ דער ארבעטער־באוועגונג, אנ אגענטור, וועלכע טרעט ארויס מיטנ ציל אָפצונארנ די מאסנ אונטער דער מאסקע פונ „פאציפיזמ“. די רעאקציאָנערע לידערס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע האָבנ אונטערגעפירט אינ 1933 יאָר די פאָלקס־מאסנ פונ דייטשלאנד אונטער דער האק פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור, אָפנארנדיק די מאסנ, אז זיי ראטעווענ זיי פונ א בירגערקריג. די היינטיקע קאפיטוליאנטנ העלפנ דער בורזשואזיע ארייַנשלעפנ די פעלקער אינ אימפעריאַליסטישע מילכאָמעס, פארזיכערנדיק, אז זיי ראטעווענ די זאכ פונ שאָלעמ, ראטעווענ די פעלקער פונ מילכאָמעס. זיי גרייטנ מילכאָמעס מיט דער הילפ פונ די זעלבע מעטאָדנ, וועלכע זיי האָבנ אָנגעווענדט, צוגרייטנדיק דאָס איינשטעלנ די פאשיסטישע דיקטאטור. אינ נאָמענ פונ איינהייטנ דעמ „שאָלעמ“ רופנ זיי די פעלקער אָפצוטרעטנ פאר די פאשיסטישע אגרעסאָרנ. אזוי ווי אָטאָ באוער, גיבנ זיי אָפ דעמ פאשיזמ איינ פאָזיציע נאָכ דער אנדערער, דראָענדיק דערביי, אז זיי „וועלנ זיכ נעמענ פארנ געווער דאנ, ווענ מ'וועט אפ זיי אָנפאלנ“. אונ דערווייל גיבנ זיי אָפ דעמ דייטשישנ פאשיזמ עסטרייכ, די סודעטנ־געגנט, טשעכאָסלאָוואקיע, דערלויבנ אימ זיכ צו פארפעסטיקנ אינעמ ביידונייער באסיינ אונ אפ די באלקאנענ, דערלאָזנ, אז די אינטערווענטנ זאָלנ צערייסנ שפאניע, גיבנ אָפ די פאשיסטישע אגרעסאָרנ אלע צוטריט־וועגנ צוליב אָנפאלנ אפ אנדערע פעלקער.

זיי פרווונ דעמאָראליזירנ די פאָלקס־מאסנ דורכ א נידערטרעכטיקנ פאַרעטערישנ לאָזונג „בעסער פארשקלאפונג, איידער מילכאָמע“. אָבער די פעלקער ווייסנ, אז די אימפעריאַליסטישע רויבער פארוואנדלענ די שקלאפנ אינ קאנאָנענ־פלייש צוליב זייערע רויבערישע מילכאָמעס; שקלאפנ מיידנ ניט אויס קיינ מילכאָמעס, זיי באטייליקנ זיכ אינ זיי אפ דער זייט פונ זייערע פארשקלאפער, באטייליקנ זיכ, אלס הענקער פונ דער אומאָפהענגיקייט פונ אנדערע פעלקער.

די ענגליש-פראנצויזישע קאפיטוליאנטנ טרוימענ א קער צו טאָנ דעמ דייטשישנ פאשיזמ צו מיזרעכ. אפנ לאָשנ פונ אָט די דאָזיקע הערנ ווערט דאָס אויכ אָנגערופנ איינהייטנ דעמ שאָלעמ. מיר ווייסנ אָבער, אז דער דייטשישער פאשיזמ האָט ניט ליב קיינ ניט דורכגעגנגלעכע וועגנ מיט שטערונגענ, וואָס מע קאָנ ניט ביייקומענ, ער האלט פאר בעסער צו גיינ אהינ, ווו עס איז לייכטער דורכצוגיינ, ווו מע קאפיטולירט פארנ פאשיזמ.

די קאפיטוליאנטנ פונ די נייטראלע לענדער, ווי, לעמאָשל, פונ סקאנדינאוויע, גרייטנ זיכ אויסבאהאלטנ פונ דער מילכאָמע אינעמ בעסט פונ „נייטראלקייט“, העלפנדיק זייער בורזשואזיע אָנלעבנ זיכ, אזוי ווי אינ די יאָרנ 1914—1918, אפ קריגס־צושטעלונגענ. איצט זיינענ אָבער אנדערע צייטנ, איצט וועלנ די פאשיסטישע אגרעסאָרנ ניט לאָזנ צו רו קיינ איינ

שכײַנישע מעלוכע, ביזוואַנען זיי וועלנ זי ניט ארײַנציִען אינ דער אַרביטע פונ זייערע קריגס-אוואַנטיורעס, ביזוואַנען זיי וועלנ ניט איבערשנײַדנ אירע גרענעצנ אינ די אינטערעסנ פונ דער „ארישער ראַסע”.

די קאַפּיטוליאַנטנ שרעקנ אָנ די מאַסנ, אַז דער פאָלקס-פראָנט פראָוואָצירט די פאַשיסטנ אַפ אַנ אָנפאַל. אָבער די אויסבילדונג פונעם פאָלקס-פראָנט באַטײַט א ווידערשטאַנד די פאַשיסטישע אַגרעסאָרנ, ניט דער ווידערשטאַנד צינדט פאַנאַנדער די אַפּעטיטנ פונ די פאַשיסטנ, נאָר זײַנ אָפּוועזנהײַט.

די קאַפּיטוליאַנטנ טײַנעו אײַנ מיט די מאַסנ: „קוקט אַפ די קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס פונ שפּאַניע, איז דענ ניט בעסער אונטערצוגעבנ זיכ אָנ קאַמפ, אַזוי ווי טשעכאָסלאָוואַקיע”. ווענ אָבער די פעלקער וואָלטנ נאָכגעפאָלגט דעמ דאָזיקנ מערדערישנ רופ, וואָלט דער פאַשיזמ איצט געווענ דער באַלעבאָס אינ אייראָפּע. ווענ שפּאַניע וואָלט אַוועק אַפנ וועג פונ טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָלטנ הײַנט אַנדערע פעלקער, אונ פריִער פונ אַלצ דאָס פראַנצויזישע פאָלק, שוינ געווענ אַנ אָביעקט פונ דער פאַשיסטישער אַגרעסיע.

צווייטנס, קעדיי ברענגענ א מאַפּאָלע די פאַשיסטישע אַגרעסאָרנ, זײַנעג נייטיק מײַסים, וואָס זײַנענ אונטערגעשטיצט מיט אַרגומענטנ פונ מאַטעריעלער קראַפט, מײַסים פונ מעלוכעס, קענג וועלכע עס איז אינ טאָכ געווענדט די פאַשיסטישע אַגרעסיע (פראַנקרײַכ, ענגלאַנד, פשא). די וועלט-רעאַקציע שאַפט באַוווּסטזיניק א לעגענדע וועגנ דער מעכטיקײַט פונעמ דײַטשישנ פאַשיזמ, קעדיי אָפּצושוואַכנ דעמ ווילנ פונ די פאָלקס-מאַסנ צומ ווידערשטאַנד. צו א גרויסער ערנסטער מילכאָמע איז דאָס פאַשיסטישע דײַטשלאַנד ניט גרייט: בא אימ סטײַעט ניט קיינ רעזערוו, דערנערונג, זײַנ פינאַנציִעלע לאַגע איז א קריטישע, זײַנע ברעגנ זײַנענ אומבאַשיצט קעגנ א יאַמ-בלאָקאַדע, אינ זײַנ אַרמיי איז א מאַנגל אינ קאָמאַנדיר-באַשטאַנד, זײַנ הינטערלאַנד איז א הינטערלאַנד, וואָס איז געפערלעכ פארנ פאַשיזמ. דער פאָרצוג פונ מאַטעריעלער קראַפט איז אָנ סאָפעק אַפ דער זײַט פונ די אַזויגערופענע דעמאָקראַטישע מעלוכעס. די דאָזיקע מעלוכעס פאַרמאָגנ א באַפעלקערונג, וואָס איז אינ דרײַ מאָל גרעסער, איידער דער בלאָק פונ די אַגרעסאָרנ, פּראָדוצירנ שטאָל אינ 1½—2 מאָל מער, אַרבעטנ אויס אינ צוויי מאָל מער עלעקטראָענערגיע, לאָזנ אַרויס אינ פערצנ מאָל מער אווטאָמאָבילנ, באַקומענ אַרויס אינ פינפ אונ פופציק מאָל מער פליסיק הייצוואַרג, אינ נײַנ מאָל מער טעקסטיל-רויוואַרג, אינ פיר מאָל מער דערנערונג; זיי קאָנענ פולשטענדיק דעקנ זייערע רויוואַרג-באַדערפענישנ, בייס דער בלאָק פונ די אַגרעסאָרנ האָט איינציקע אינ פרידנס-צײַט א דעפיציט פונ 50—55 פראָצ.; זייערע מעזומענע גאָלד-רעזערוונ שטײַגנ אינ נײַנ אונ פערציק מאָל אַריבער די גאָלד-רעזערוונ פונ די פאַשיסטישע מעלוכעס. זייערע פּראָדוציר-מעגלעכקײַטנ אינ אַעראָפּלאַנ-בויונג,

אין דער מאַטאַריזירונג פון דער ארמיי, אין איר מיליטער־טעכנישער אויסגעשטאטקייט שטייגן ווייט אריבער די סאמע דרייסטע אויסרעכענונגען פונעם פאשיסטישן בלאָק; דער יאם־פלאָט פון פראנקרייך, ענגלאנד און פשא איז אין צוויי מאָל שטארקער, איידער דער פלאָט פון דייטשלאנד, איטאליע און יאפאָניע.

א פעסטע ווידערשטאנד-פאָליטיק די פאשיסטישע אגרעסאָרן מיצאד די אזויגערופענע דעמאָקראטישע מעלוכעס, קאָמבינירט מיט אן עקאָנאָמישן דרוק, וואָלט געווען א גענוג ווירקנדיק מיטל, קעדיי צו צווינגען די פאשיסטישע מעלוכעס אָפּצוטרעטן. אזא פאָליטיק וואָלט געווען א ווירקלעכע שאָלעם-פאָליטיק. זי וואָלט אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון אלע פעלקער. זי וואָלט איבערראַנייס א קער געטאָן אין דער זייט פון פראנקרייך, ענגלאנד און פשא די קליינע מעלוכעס, וואָס זיינען היינט דורך דעם מיינכענער קורס אריינגעפאלן אין פארלאָרנקייט. דאָס וואָלט געווען א פאָליטיק פון פארשטארקן די דעמאָקראטישע דעראָבערונגען פון די פעלקער, א פאָליטיק, וועלכע עס וואָלט אונטערגעהאלטן דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־קלאס.

נאָר קעדיי צו דערשלאָגן זיך אזא קער אין דער פאָליטיק פון די אזויגערופענע דעמאָקראטישע מעלוכעס, איז נייטיק, אז דער ארבעטער־קלאס זאָל אויך לאָזן אין גאנג די קרעפטן פון מאַטעריעלן דרוק אף די בורזשואזע רעגירונגען. דאָס געווער, וואָס עס באזיצט דער ארבעטער־קלאס, — דאָס זיינען שטרייקן, מאסן-דעמאָנסטראציעס, דאָס איז די פאָלקס-באוועגונג קעגן רויבערישע מילכאָמעס. דאָס אָנווענדן דאָס דאָזיקע געווער וועט געבן אלץ גרעסערע רעזולטאטן, וואָס שנעלער דער ארבעטער־קלאס וועט איינשטעלן אן אינטערנאציאָנאלע איינהייט פון טאַט. צוליבן קאמף קעגן רויבערישע מילכאָמעס זיינען נייטיק געמיינזאמע אקציעס פון די פראָלעטאריער פון אלע לענדער.

III. די קאָמוניסטישע באוועגונג אין די קאפיטאליסטישע לענדער

א) אייניקע פראגן פון דער טאקטיק פון די קאָמפּארטייען

איך גיי אריבער צום דריטן טייל פון מיין פּאָרטראָג, צו דעם טייל, וואָס איז געווידמעט דעם צושטאנד פון דער אינטערנאציאָנאלער קאָמוניסטישער באוועגונג. צוערשט עטלעכע באמערקונגען וועגן אייניקע פראגן פון דער טאקטיק פון די קאָמפּארטייען.

די סיטואציע פון דער צווייטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע איז ניט די זעלבע, וועלכע איז געווען ביים דער ערשטער אימפעריאליסטישער

מילכאָמע פונ די יאָרנ 1914—1918. אינ אונטערשייד פונ די יאָרנ 1914—1918, איז איצט די וועלט צעשפאָלטנ אפ צוויי קעגנזעצלעכע סיסטעמענ: די וועלט פונ קאפיטאליזמ און די וועלט פונ סאָציאליזמ. איצט עקזיסטירנ ניט בלויז אימפעריאליסטישע מעלוכעס, נאָר אויכ אימפעריאליסטישע מעלוכעס, וואָס האָבנ איינגעשטעלט בא זיכ א פאשיסטישנ רעזשימ און שטרעבנ אָנצובינדנ אימ מיט דער קראפט פונ געווער אנדערע פעלקער און וואָס טרעטנ ארויס אלס איניציאטאָרס פונ רויבערישע מילכאָמעס.

„דער אונטערשייד־שטריכ פונ דער צווייטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע באשטייט דערינ, וואָס עס פירנ זי און עס וויקלענ זי פאנאנדער די אגרעסיווע מעלוכעס, בייס די אנדערע מעלוכעס, די „דעמאָקראטישע" מעלוכעס, וואָס קעגנ זיי איינגנטלעכ איז די מילכאָמע געווענדט, מאכנ אנ אָנשטעל, אז די מילכאָמע האָט צו זיי קיינ שייכעס ניט, אז זיי זיינענ גאָט די נעשאָמע שולדיק, שארנ זיכ אפ צוריק, זינגענ שוואָכימ זייער פרידנסגיריקייט, זידלענ די פאשיסטישע אגרעסאָרנ און... גיבנ ביסלעכווייז אָפ זייערע פאָזיציעס די אגרעסאָרנ, פארזיכערנדיק דערביי, אז זיי גרייטנ זיכ צו א ווידערשטאנד" (געשיכטע פונ דער אלקפ(ב). קורצער קורס, ז. 318—319).

די פאשיסטישע מעלוכעס האָבנ אָנגעהויבנ די צעטיילונג פונ אייראָפע, מיט דער הילפ פונ געוואלט „זעלבסטבאשטימענ" זיי די קליינע פעלקער, שטעלנ די פראגע וועגנ דער איבערפארטיילונג פונ די קאָלאָניעס.

אינ אָט דער נייער סיטואציע קומט אויס די קאָמוניסטנ צו באשטימענ זייער פאָזיציע בענעגייע די איצטיקע מילכאָמעס, בענעגייע די קאָלאָניאלע פרעטענזיעס פונ די פאשיסטישע מעלוכעס און בענעגייע די פרווונ פונ די פאשיסטישע דעמאגאָגנ צו עקספלואטירנ דעמ לאָזונג פונ „נאציאָנאלער זעלבסט־באשטימונג".

דער „קורצער קורס געשיכטע פונ דער אלקפ(ב)", אינ העסקעמ מיט דער לערע פונ מארקסיזמ־לעניניזמ, טיילט איינ די מילכאָמעס אפ גערעכטיקע און אומגערעכטיקע:

„א) א מילכאָמע א גערעכטיקע, ניט קיינ פארכאפערישע, א באפרייערישע, אזא, וואָס איר ציל איז אָדער פארטיידיקנ דאָס פאָלק פונ אנ אויסערלעכנ אָנפאל און פונ פרווונ צו פארשקלאפנ עס, אָדער באפרייענ דאָס פאָלק פונ דער שקלאפעריי פונעמ קאפיטאליזמ, אָדער, ענדלעכ, באפרייענ די קאָלאָניעס און אָפהענגיקע לענדער פונ אונטערנ דרוק פונ די אימפעריאליסטנ, און

ב) א מילכאָמע אנ אומגערעכטיקע, **א פארכאפערי־שע, וואָס האָט דעמ ציל צו פארכאפנ אונ פארשקלאפנ פרעמדע לענדער, פרעמדע פעלקער"** (געשיכטע פונ דער אלקפּ(ב). קורצער קורס, ז. 161).

די דאָזיקע אָנווייַזונג איז דער וועגווייַזנדיקער פּאָדעמ פאר די קאָמוניסטנ באמ באשטימענ די פּאָזיציע פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע בענעגייע יעדער קאָנקרעטער מילכאָמע. דאָס הייסט, אז די ארבעטנדיקע וועלנ שטיצנ די גערעכטיקע מילכאָמע פונ יעדנ פאָלק פאר זייַנ נאציאָנאלער אומאָפּהענגיקייַט קעגנ די אימפּעריאליסטישע רויבער. זיי וועלנ שטיצנ א מילכאָמע, וואָס העלפט מיט דער שנעלסטער מאפּאָלע פונ דער וועלט־רעאקציע, פונ איר שלאָג־פויסט — פונ דייַטשלאנד, יאפּאָניע אונ איטאליע. זיי וועלנ שטיצנ א מילכאָמע, וואָס פארשנעלערט דעמ זיג פונעמ אלוועלטלעכנ פּראָלעטאריאט, וועמעס אינטערעסנ עס פאלנ צונויפ אינגאנצנ אונ פולשטענדיק מיט די אינטערעסנ פונעמ לאנד פונ סאָציאליזמ, וואָס האָט געזיגט, פונעמ פאָטערלאנד פונ אלע ארבעטנדיקע.

די קאָמוניסטנ האלטנ פאר זייער סאמע ערשטער פליכט צו מאָביליזירנ די ארבעטנדיקע פונ אלע לענדער, קעדיי צו געבנ הילפ דעמ פאָלק, וואָס פירט א גערעכטיקע מילכאָמע, קעדיי מיטווירקנ מיט אלע מיטלענ דעמ זיג פונעמ דאָזיקנ פאָלק.

די אָנווייַזונג פונעמ „קורצנ קורס געשיכטע פונ דער אלקפּ(ב)" וועגנ גערעכטיקע אונ אומגערעכטיקע מילכאָמעס דערלויבט די קאָמוניסטנ אָנצומערקנ א קלאָרע לענינישסטאלינישע ליניע בענעגייע דעמ קאמפ, וואָס פלאקערט זיכ פאנאנדער צווישנ די אימפּעריאליסטישע רויבער פאר דער הערשאפט איבער די קאָלאָניאלע פעלקער.

די קאָמוניסטנ פירנ דעמ סאמע קאָנסעקווענטנ קאמפ קעגנ יעטווידער אונטערדריקונג אונ פארשקלאפונג פונ די קאָלאָניאלע פעלקער דורכ די אימפּעריאליסטנ. ניט זייער זאכ איז צו פארטיידיקנ די עקזיסטירנדיקע קאָלאָניאלע אימפּעריעס. נאָכ מער זייַנענ זיי אומבעשאָלעמדיק פייַנטלעכ צו די קאָלאָניאלע פּרעטענזיעס פונ די פאשיסטישע מעלוכעס, וואָס טראָגנ פאר די קאָלאָניאלע פעלקער א נאָכ ערגערע שקלאפערייַ. די קאָמוניסטנ האלטנ אונטער די באוועגונג אינ די קאָלאָניעס פאר שאפנ אנ אלגעמיינ־נאציאָנאלנ פראָנט פונ קאמפ קעגנ דעמ אימפּעריאליסטישנ דרוק, אונ זיי דערשלאָגנ זיכ, עס זאָל אייַנגעשטעלט ווערנ אנ אייַנהייַט פונ טאט צווישנ דעמ ארבעטער־קלאס פונ דער מעטראָפּאָליע מיט די אונטערדריקטע פעלקער פונ די קאָלאָניעס. זיי פּאָדערנ פונ די אימפּעריאליסטישע רעגירונגענ פונ די אזויגערופענע בורזשואז־דעמאָקראטישע מעלוכעס א דרינגענדיקע ראדיקאלע פארבעסערונג פונ דער מאטעריעלער לאגע פונ די ארבעטנדיקע מאסנ פונ

די קאָלאָניעס, עס זאָלנ געגעבנ ווערנ די קאָלאָניעס ברייטע דעמאָקראַטישע רעכט אונ פרייהייטנ.

אינ דער זעלבער צייט דעמאַסקירנ די קאָמוניסטנ דעמ צינישנ שווינדל פונ די פאשיסטישע מילכאָמע־אונטערצינדער, וואָס פרווונ זיכ אויסנוצנ די אומצופרידנקייט פונ די קאָלאָניאַלע מאסנ צוליב זייערע רויבערישע צוועקנ. פארטיידיקנדיק דאָס רעכט פונ די קאָלאָניאַלע פעלקער אפ זעלבסטבאשטימונג ביזנ אָפּטיילנ זיכ, ווארפנ אונטער די קאָמוניסטנ, אינ העסקעמ מיט דער לערע פונ לענינ־סטאַלינ, די עצעמ פארווירקלעכונג פונעמ רעכט אפ אָפּטיילנ זיכ צו די גרונט־אינטערעסנ פונעמ באפרייונגס־קאמפ פונ די קאָלאָניאַלע פעלקער גופע, צו די אינטערעסנ פונ צעגראָמירנ דעמ פאשיזמ, אַט דעמ סאמע בייזנ סוינע פונ די ארבעטנדיקע, אונ צו די אינטערעסנ פונעמ זיג פונעמ אינטערנאציאָנאַלנ ארבעטער־קלאַס איבער זיינע עקספּלואַטאַטאָרנ.

די אָנווייזונג פונעמ „קורצנ קורס געשיכטע פונ דער אלקפ(ב)“ דערלויבט די קאָמוניסטנ פארנעמענ אויכ א *ריכטיקע פאָזיציע בעגייע דער פאשיסטישער ספעקוליאציע מיטנ לאָזונג פונ „נאציאָנאַלער זעלבסטבאשטימונג“*. די פאשיסטישע מילכאָמע־אונטערצינדער, האָבנדיק אונטערגעדריקט זייערע אייגענע פעלקער אונ פארשקלאַפנדיק פרעמדע פעלקער, פרווונ זיכ מאכנ פונעמ דעמאָקראַטישנ לאָזונג פונ „נאציאָנאַלער זעלבסטבאשטימונג“ א קאָנטררעוואָליוציאָנער געצייג אפ צו פארווירקלעכנ זייערע אגרעסיווע פלענער. צוויִעסדיק ארויסטרעטנדיק אינ דער מאסקע פונ אָנהענגער פונ נאציאָנאַלער זעלבסטבאשטימונג, באמיִענ זיי זיכ צו צעלייגנ די פילנאציאָנאַלע קאפיטאַליסטישע מעלוכעס, וועלכע ליגנ אפנ וועג פונ דער פאשיסטישער עקספּאַנסיע, פארוואנדלענ די קליינע לענדער אינ א פלאַצדאַרמ אפ אָנצוגרייפנ אפ אנדערע מעלוכעס.

קעמפנדיק קאָנסעקווענט קעגנ אַלע פאָרמענ פונ נאציאָנאַלער אונטערדריקונג אינ די קאפיטאַליסטישע לענדער, פארטיידיקנדיק דאָס רעכט פונ די אונטערדריקטע פעלקער אפ זעלבסטבאשטימונג ביז צומ אָפּטיילנ זיכ, רופנדיק די אונטערדריקטע פעלקער צומ קאמפ פארנ אייַנשטעלנ צווישנ באציִונגענ אפנ יעסאָד פונ דער גרויסער דערפארונג פונ דער סטאַלינישער צוזאמענלעבונג פונ די פעלקער פונ פססר, קאָנצענטרירנ די קאָמוניסטנ אינ דער איצטיקער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואַציע די גרונט־ריכטונג פונעמ פייער קעגנ דער פאשיסטישער פאַלסיפיצירונג פונ דער „זעלבסטבאשטימונג פונ די פעלקער“, אַלס דאָס סאמע צינישע אָפּנארנ די אונטערדריקטע פעלקער אונ דאָס ערגסטע פארברעכנ קעגנ דער פרייהייט אונ אומאָפּהענגיקייט פונ די פעלקער. די קאָמוניסטנ רוקנ ארויס אפנ ערשטנ פּלאַנ דעמ קאמפ פאר פארווירקלעכנ דאָס רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פונ די פעלקער, וואָס זיינענ פארשקלאַפט דורכ די פאשיסטישע מעלוכעס. זיי פאָדערנ פרייע זעלבסטבאשטימונג פאר עסטרייכ, וועלכעס איז מיט גע־

וואלט פארכאפט געוואָרנ ערעוו דעמ פּלעביסציט דורכ דעמ פאשיסטישנ דײַטשלאנד, פאר דער סודעטנ־געגנט, וואָס דײַטשלאנד האָט אָפּגעריסנ פונ טשעכאָסלאָוואקיע, פרײַע זעלבסטבאשטימונג פאר קאָריע, פאָרמאָזא, אביסיניע, דאָס אָפרייקנ שפּאניע אונ כינע פונ די אימפּעריאליסטישע פארכאפּער.

ב) דער צושטאנד פונ די קאָמפּארטייענ

דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל האָט אינ די קאַפּיטאליסטישע לענדער צומ מאָמענט פונעמ XVII פּארטיי־צוזאמענפאָר געציילט 860 טויזנט קאָמוניסטנ. איצט ציילט ער אָנ 1.200.000 מענטשנ. די צאָל קאָמיוגיסטנ אונ יונגע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס שליסנ זיכ אָנ צומ קאָמוניסטישנ יוגנט־אינטערנאציאָנאל, איז אויסגעוואקסנ פונ 110 טויזנט ביז 746 טויזנט מענטשנ. אינגאנצנ גענומענ, איז דאָס אנ ארמיי קימאט פונ צוויי מיליאָנ מענטשנ.

פונדעסטוועגנ, גיבנ ניט די דאָזיקע ציפער דאָס בילד פונעמ עמעסנ אָרגאניזאציאָנעלנ צושטאנד פונ די קאָמפּארטייענ. עס זײַנענ פאראנ צענדליקער טויזנטער קאָמוניסטנ, וואָס ארבעטנ מעסירעסנעפעשדיק אינ אונטערערד, אונ זײַנענ ניט ארומגעכאפּט מיט קיינ שומ סטאטיסטישנ דיסקאָנט. די קאָמוניסטנ פונ כינע, וואָס האָבנ פארלאָזט אינ 1935 יאָר דעמ סאָוועטישנ ראיאָנ צזיאנסי, זײַנענ דורכגעגאנגענ צוזאמענ מיט דער רויטער ארמיי 12 טויזנט קילאָמעטער, פירנדיק אונטערוועגס א גרויסע פּאָליטישע ארבעט אינ די מאסנ. די קעמערלעכ, וואָס זיי האָבנ געשאפנ, לעבנ, פונקציאָנירנ, קעמפנ, כאָטש זיי זײַנענ אינ ערגעצ ניט פארעגיסטרירט.

אינ אונדזער סטאטיסטיק גייענ ניט ארײַנ די צענדליקער טויזנטער קאָמוניסטנ, וואָס שמאכטנ אינ די טפיסעס אונ קאָנצענטראציע־לאגערנ. אלע סעקציעס פונעמ קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל זײַנענ ארומגערינגלט מיט אנ ארבעטער־אקטיוו, וואָס פירט אנ ארבעט לויט די דירעקטיוונ פונ דער פּארטיי, וואָס זייער צאָל שטײַגט איבער די צאָל פּארטיי־מיטגלידער אינ עטלעכע מאָל.

כוץ אָט דעמ אקטיוו האָט די קאָמפּארטיי א מער ברייטע פעריפעריע ארבעטער, וואָס זײַנענ איבערגעגעבנ דער קאָמפּארטיי, גלייבנ איר אונ שטיצנ זי אונטער. די בעלגישע קאָמפּארטיי איז ניט גרויס, זי ציילט אָנ סאכאקל 7 טויזנט מיטגלידער, אָבער אַז די לעצטע מוניציפּאלע וואלנ האָט זי צונויפגעזאמלט 160 טויזנט שטימענ; די האָלענדישע קאָמפּארטיי ציילט אָנ 10 טויזנט מיטגלידער, אָבער פאר איר האָבנ געשטימט 137 טויזנט מענטשנ. אנאליזירנדיק די סאכאקלענ פונ די וואלנ אונ אנדערע צײַגערס פונעמ אײַנפלוס פונ דער קאָמפּארטיי, קאָנ מענ מאכנ אנ אויספיר, אַז יעדער קאָמוניסט פירט נאָכ זיכ ווייניקסטנס פונ 15 ביז 20 ארבעטער אונ ארבעטנדיקע.

עס איז אויסגעוואקסנ דער אײַנפלוס פונ די קאָמוניסטנ אינ דער פראָפאריינישער באוועגונג; אינ א ריי לענדער האָבנ די קאָמוניסטנ דורכ זייער מעסירעסנפעשדיקער ארבעט דערגרייכט דעמ צוטרוי פונ דער מאסע מיטגלידער פונ די פראָפאריינענ, וועלכע האָט זיי ארויסגערוקט אפ אָנפירנ־דיקע פּאָסטנס אינ דער פראָפאריינישער באוועגונג.

אָבער די קאָמפּארטייענ האָבנ זיכ אינעמ פארגאנגענעמ פינפיאָר אנט־וויקלט ניט גלײַכמעסיק אינ פארשיידענע לענדער. עס זײַנענ אויסגעוואקסנ אונ זײַנענ פעסט געוואָרנ יענע פונ זיי, וועלכע האָבנ געפירט אונ פירנ א באוואָפנטנ קאמפ קעגנ דעמ ראָצכישנ אָנפאל אפ זייער לאנד, ווי די שפאנישע אונ די כינעזישע קאָמפּארטייענ. עס זײַנענ אויסגעוואקסנ די קאָמ־פּארטייענ פונ די לענדער, ווו דער פּראָלעטאריאט האָט געקענט אײַנהיטנ פעסטע פּאָזיציעס אינעמ קאמפ קעגנ דער רעאקציע, ווו זײַנ קאמפ איז געשטיצט געוואָרנ פונ די פויערימ אונ פונעמ שטאָטישנ מאסנ-מענטש, ווי, לעמאָשל, אינ פראנקרײַכ; עס זײַנענ אויסגעוואקסנ די קאָמפּאר־טייענ, וואָס ארבעטנ אינ די באדינגונגענ פונ א מער־ווייניקער לעגאלער עקזיסטענצ, ווו די סאָציאל-דעמאָקראטיע איז שוואכ, ווי, לעמאָשל, אינ פשא אונ אינ פילע לענדער פונ דער לאטײַנישער אמעריקע. באדײַטנדיק לאנגזאמער זײַנענ געוואקסנ די קאָמפּארטייענ דאָרט, ווו די סאָציאל-דעמאָ־קראטיע איז שטארק אונ ווו אירע רעאקציאָנערע לידערס פלעגנ אראָפרײַסנ די אייגהײַט פונ טאט פונעמ ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע; מיר מיינענ דאָ ענגלאנד אונ די סקאנדינאווישע לענדער. עס זײַנענ בא־דײַטנדיק געבליבנ הינטערשטעליק די קאָמפּארטייענ אינ די לענדער, ווו די ארבעטער־באוועגונג איז דערשטיקט, באזונדערס אינ די לענדער פונ דער טאָטאליטארער פאשיסטישער דיקטאטור.

צווישנ די קאָמוניסטישע פּארטייענ, וואָס זײַנענ אויסגעוואקסנ אינעמ באריכט־פּעריאָד, פארנעמט איינס פונ די ערשטע ערטער די העראָישע קאָמפּארטיי פונ שפאניע, א פּארטיי, וואָס האָט פעסט אָנגעזייגנט די קלוגשאפטלעכע אָנווײַזונג פונעמ כאוו. סטאלינ וועגנ דעמ, אז עמעסע באָלשעוויקעס דארפנ זײַנ „פרײַ פונ יעטווידער פאניק, פונ יעטווידנ סימענ פונ פאניק, ווענ די זאכ הייבט אָנ ווערנ קאָמפּליצירט אונ אפנ האָריזאָנט מערקט זיכ אָנ עפּעס א געפאר". די שפאנישע קאָמפּארטיי איז אויסגעוואקסנ פונ 1931 ביז 1939 יאָר פונ 800 מאנ אינ א 300־טויזנטיקער מעכטיקער פּארטיי, וואָס האָט דורכגעמאכט א שול פונ אונטערערד, רע־וואָלוציע, בירגערקריג, פונ מיליטערישע קעגנ פרעמדלענדישער קאָנטררעוואָ־לוציאָנערער אינטערווענציע. זי איז א מוסטער פונ אנ עמעסער פאָלקס־פּארטיי, וועמעס טיפע וואָרצלענ אינ די ארבעטער־ אונ פויערימ־מאסנ ס'איז ניט ארויסצורײַסנ דורכ קיינ שומ פאשיסטישנ טעראָר.

די קאָמפּארטיי פונ שפאניע האָט זיכ דערגרייכט א קאָלאָסאלנ אווי־טאָריטעט אינ אלע שיכטנ פונעמ פאָלק מיט איר ריכטיקער פּאָליטיק,

277—3

וואָס שטעלט אוועק אין צענטער פון אַלע אירע זאָרגן און געדאנקען די אינטערעסן פונעם זיג פונעם שפּאַנישן פאָלק איבער זײַנע סאָנים. זי האָט דעראָבערט דעם צוטרוי פונעם פאָלק דורך איר מעסירעסנפעשדיקן העראָיזם. דאָס פאָלק האָט געזען, וויאַזוי זי האָט זיך געוואָרפן אין די סאמע שווערע מינוטן אין די סאמע געפערלעכע ערטער. זי פלעגט די ערשטע אָנהייבן די שלאכט און די לעצטע פלעגט זי זי ענדיקן. דאָס פאָלק האָט זי ליב באקומען דערפאר, ווײַל עס האָט זי דורכגעקאָנטראָלירט לויט אירע באָלשעוויסטישע מײַסים. זי האָט אויסגעכאָוועט אזעלכע אויסגעצייכנטע מענטשן, אזעלכע פעסטע סטאלינצעס, ווי כאָזע דיאס און דאָלאָרעס איבארורי (אפּלאָדיסמענטן), מיט וועלכע עס שטאָלצירט די גאנצע אינטערנאציאָנאלע קאָמוניסטישע באוועגונג.

די צווייטע סעקציע פונעם קאָמינטערן, וואָס שפּילט א גרויסע ראָליע אינעם לעבן פון איר לאנד און פון איר פאָלק, איז די כינעזישע קאָמפּארטיי. זי ציילט איצט אָן 148 טויזנט מיטגלידער, זי איז פארבונדן ניט בלויז מיט די ארבעטער, נאָר אויך מיט די ברייטע פויערישע מאסן און האָט אויך א באדײַטנדיקע ווירקונג צווישן דער אינטעליגענץ, באזונדערס צווישן דער סטודענטנשאפט.

די קאָמפּארטיי פון כינע איז א באוואָפנטער טייל פונעם כינעזישן פאָלק. דאָס איז א פּארטיי, וואָס איז פארהארטעוועט געוואָרן אין פײַער פון דעם פיליאָריקן בירגערקריג און פון דער נאציאָנאל-באפרײַערישער מילכאָמע; זי האָט אין דער פארגאנגענהײַט אָנגעזאמלט די דערפארונג פון דער סאָוועטישער באוועגונג און פון דער בויונג פון דער ראטנמאכט, זי האָט א רײַכע דערפארונג פון אָרגאניזירן א ברייטע פארטיזאנישע באוועגונג, וואָס איז אזוי ווערטפול פאר דער איצטיקער נאציאָנאלער מילכאָמע אין כינע.

זי באזיצט הויכע מײַסטערשאפט אין דער זאך פון דעמאָראליזירן די קויכעס פונעם סוינע, קענטעניש ארײַנצודרינגען אין זײַן טיפן הינטערלאנד און פירן א ברייטע פּאָליטישע ארבעט אין דער ארמיי פונעם קעגנער. שנעלער פון אלץ וואקסט די כינעזישע קאָמפּארטיי בא הײַנטיקער צײַט אין די ראיאָנען, וואָס זײַנען ארומגעכאפּט פון דער פּארטיזאנישער באוועגונג, אין הינטערלאנד בא די יאפּאָנער.

זי גיט א מוסטער פון אײַנגעשפּארטקײַט און בייגעוודיקײַט אין פארפעסטיקן און אנטוויקלען דעם נאציאָנאלן כראָנט, אָט דעם גרונט-באדינג פארן זיג איבער די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטישע פארכאפּער. די שטארקע זײַט פון דער כינעזישער קאָמפּארטיי איז איר ארבעט אין הינזיכט פון צוגרייטן און ארויסרוקן נײַע קאדרען. די בעסטע מענטשן פון דער כינעזישער קאָמפּארטיי מאאָ צזע-דונ און טשזשו-דע פארייניקן אין זיך מיט דערפאָלג די מײַלעס פון פּאָליטישע אָנפירער און טאלאנטפולע ארמייענפירער. (אפּלאָדיסמענטן).

די קאָמפּארטיי פון פראנקרײַך איז געווען דער איניציאַטאָר אינעם קאמף פארן אנטיפאשיסטישן פאָלקס־פראָנט. זי איז אין פארלויף פון פינף יאָר אויסגעוואקסן פון 40 טויזנט מיטגלידער ביז 270 טויזנט צו הײַנטיקן טאָג. דער טיראזש פונעם צענטראל־אָרגאן „ליומאניטע" האָט זיך פארגרעסערט פארן דאָזיקן פעריאָד פון 120 טויזנט ביז 350 טויזנט עקזעמפּליארן; „ליומאניטע" פארנעמט לויט דער גרייס פונעם טיראזש דאָס דריטע אָרט צווישן אלע צײַטונגען פון פראנקרײַך, האָבנדיק איבערגעיאָגט צענדליקער בורזשואזע צײַטונגען, ווי „לעמאָשן", „טאַן", „מאטען" אא. דער טיראזש פון דער פּראָווינציעלער פּרעסע פון דער קאָמפּארטיי דערגרייכט 470 טויזנט עקזעמפּליארן.

די צאָל שטימען, וואָס די פּארטיי האָט באקומען בא די לעצטע פּארלאמענט־וואלן אין 1936 יאָר, איז אויסגעוואקסן ביז אָנדערהאלבן מיליאָן, דאָס הייסט אף 90% מער, איידער בא די פריִקע וואלן. אין פּאריזש און אין זײַנע פאָרשטעט האָט די קאָמפּארטיי פון 60 דעפּוטאטישע מאנדאטן דעראָבערט 33 מאנדאטן — אן אבסאָליוטע מערהײַט. זי איז די שטארקסטע פּארטיי אין דער פּאריזשער געגנט, באזונדערס אין די גרעסטע זאַוואָדן פון דער מעטאלבאארבעטנדיקער אינדוסטריע. די קראפט פון די פראנצויזישע קאָמוניסטן באשטייט אין דעם, וואָס צו זיי האָט א גרויסן צוטרוי די ארבעטער־מאסע, וואָס גייט ארײַן אין די פראָפאַריינען. אָט דעם צוטרוי האָבן זיי דעראָבערט דערמיט, וואָס זיי האָבן מעסירעסנפּעשדיק געקעמפט פאר דער פאראייניקונג פון די פראָפאַריינען, פאר זייער פארפעסטיקונג, פאר די דירעקטע פאָדערונגען פון די ארבעטנדיקע. אנטוויקלענדיק די אנטיפאשיסטישע באוועגונג, האָט זיך די קאָמפּארטיי פון פראנקרײַך געשטיצט אף די בעסטע רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס פון איר ארבעטער־קלאס און פון איר פאָלק. זי האָט דורכגעמאכט א קאָלאָסאלע ארבעט אף צו געבן עפעקטיווע הילף דער שפּאנישער רעפּובליק.

א באדײַטנדיקן פאָרשריט האָט דערגרייכט די קאָמפּארטיי פון פ ש א. אלמעגלעך מיטהעלפנדיק דער אויספאָרמירונג פון דער קלאסן־באוועגונג פונעם פּראָלעטאריאט און פון זײַן אײַנרײַס מיט די בורזשואזע פּארטייען, איז זי אויסגעוואקסן פון 20 טויזנט מיטגלידער ביז 90 טויזנט. זי איז געוואקסן דערפאר, ווײַל מיט איר ארבעט האָט זי מיטגעהאָלפן דער פארפעסטיקונג פון די פּראָדוציר־פאַריינען, וואָס כאפּן ארום ביז 4 מלן. מיטגלידער, דערפאר, ווײַל זי האָט געפירט אן אומדערמידלעכע, געדולדיקע ארבעט צווישן די דרײַ מיט א האלבן מיליאָן ארבעטער, וואָס שליסן זיך אָן אָן דער רעאקציאָנערער אמעריקאנער ארבעט־פעדעראציע, פאר דער אופשטעלונג פון דער פּראָפאַרייניקער אייניקײַט אפן יעסאָד פון קלאסן־קאמף. די פּארטיי האָט דעראָבערט א גרויסן אויטאָריטעט צווישן די נעגערשע ארבעטנדיקע מאסן, און אויך צווישן די בעסטע פאָרשטייער פון דער אמעריקאנער אינטעליגענץ. מיט איר אָנטייל אין דער ברייטער

דעמאָקראַטישער באַוועגונג און מיט דער קריטיק פונ דער ניט־אַנטשלאָסנ־
קייט פונ דער דאָזיקער באַוועגונג האָט די קאָמפּאַרטיי פונ פּשא געשטויסנ
זי אַפנ וועג פונ א מער קאָנסעקווענטנ אַנטיפאַשיסטישנ קאַמפּ. איינער פונ די
וועזנטלעכע כעסרוינעס פונ דער פּאַרטיי באַשטייט אינ דעמ, וואָס זי איז
נאָכ שוואַכ פאַרבונדנ מיט די פּערמערישע מאַסנ און מיט דער פּערמע־
רישער באַוועגונג.

די קאָמפּאַרטיי פונ ענגלאַנד האָט זיכ דערשלאָגנ א געוויסנ
וווּקס פונ אירע רייענ, פונ 6 טויזנט ביז 18 טויזנט מיטגלידער; עס האָט
זיכ פאַרגרעסערט איר איינפלוס אינ די פּראָפּאַריינענ און אינוויייניק אינ
דער לייבאָריסטישער פּאַרטיי. דער פאָרשלאָג פונ דער קאָמפּאַרטיי פונ
ענגלאַנד וועגנ אַריינטרעטנ אינ דער לייבאָריסטישער פּאַרטיי, כאָטש ער
איז אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ דורכ דער לייבאָריסטישער אָנפירונג, איז געשטיצט
געוואָרנ פונ 1.400 פּראָפּאַריינישע און לייבאָריסטישע אָרגאַניזאַציעס אַפ די
ערטער. א נאָכ גרעסערנ אָפּקלאַנג געפינט איר קאַמפּאַניע פאַר איינשטעלנ
א פאָלקס־פראָנט אינ ענגלאַנד. דער מעמאָראַנדומ פונ קריפּסנ לטובֿת
דעמ „פאָלקס־פראָנט האָט צונויפגעזאַמלט אינ משך פונ עטלעכע טעג
250 טויזנט אונטערשריפטנ.

פונדעסטוועגנ אָבער איז, ניט געקוקט אַפ די דאָזיקע דערפאָלגנ, די
ענגלישע קאָמפּאַרטיי איינע פונ די סאַמע הינטערשטעליקע סעקציעס פונעמ
קאָמינטערנ, וועלכע האָט ניט באַוויזנ זיכ דורכצוריַיסנ צו די גרונט־שיכטנ
פונעמ אַרבעטער־קלאַס פונ ענגלאַנד, וועלכער טראָגט א קאָלאָסאַלע פאַר־
אַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר, וואָס די פּאָליטיק פונ דער ענגלישער רעאַקציע
אינ דער בלאָקאַדע פונ דער שפּאַנישער רעפּובליק איז רעכטצייטיק ניט
אַראָפּגעריסנ געוואָרנ דורכ זיינ באַוועגונג.

עס האָבנ זיכ א רוק געטאָנ פאָרויס **אַלע לעגאַלע קאָמפּאַרטייענ**
אינ רעזולטאַט פונ דער פאַרבעסערונג פונ זייער אַרבעט אינ די פּראָפּאַ־
ריינענ, פונ זייער קאַמפּ פאַרנ איינהייטלעכנ פראָנט און פאָלקס־פראָנט און
פונ זייער אַקטיווקייט אינ דער זאַכ פונ הילפ דעמ שפּאַנישנ פאָלק. אַזוי,
למשל, איז די קאָמפּאַרטיי פונ קאַנאַדע אויסגעוואַקסנ פונ 8 טויזנט
ביז 18 טויזנט, די קאָמפּאַרטיי פונ קובאַ — פונ 3 טויזנט ביז 23 טויזנט,
די קאָמפּאַרטיי פונ מעקסיקע — פונ 2 טויזנט ביז 30 טויזנט, די קאָמפּאַרטיי
פונ שוועדנ — פונ 8 טויזנט ביז 19 טויזנט, די קאָמפּאַרטיי פונ דענעמאַרק —
פונ 3 טויזנט ביז 9 טויזנט. עס זיינענ אויסגעוואַקסנ אייניקע קאָמפּאַרטייענ
אינ די קאָלאָניאַלע לענדער דאָרט, ווו זיי איז געלונגענ אַקטיוו זיכ איינ־
צושליסנ אינ דער באַוועגונג פונ דעמ אַלגעמיינ־נאַציאָנאַלנ, אַנטי־אימפּע־
ריאַליסטישנ פראָנט און אויסקעמפנ צוזאַמענ מיט די מאַסנ כאָטשבי א
טייל כל דעמאָקראַטישע רעכט און פרייהייטנ. אַנ אומלעגאַלע איז געוואָרנ
אינעמ פאַרגאַנגענעמ פעריאָד די קאָמפּאַרטיי פונ טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס
האָט געציילט ביזנ אַריבערגייִנ אינ אונטערערד 60 טויזנט מיטגלידער. זי

האָט באוויזנ איינצוהיטנ איר אקטיוו אונ איר גרונטיקע מיטגלידער־מאסע אויכ איצט אינ די באדינגונגענ פונ אונטערערד.

שווערע קלעפ האָט באקומענ די קאָמוניסטישע באוועגונג אינ די לענדער פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור, באזונדערס אינ דייטשלאנד, יאפאָניע אונ איטאליע. די בורזשואזיע שליידערט ארייננ צענדליקער טויזנטער קאָמוניסטנ אינ טפיסעס אונ קאָנצלאגערנ, קלעפט זיי לויט א געריכט אונ אָנ א געריכט, טויט זיי פונ הינטערערום. זי פלאָנטערט ארום די ארבעטער מיט א סיסטעמ פונ אויסשפירונג אינ זייערע וווינ־הייזער, אינ די אונטערנעמונגענ, ווו זיי ארבעטנ, אינ די פאשיסטישע אָרגאניזאציעס, וווהינ זי באמיט זיכ ארייננצוטרייבנ זיי מיט געוואלט. קעגנ זיי העצט זי אָנ דעמ פאשיסטישנ פינצטערנ האמינ, באשולדיקנדיק זיי אינ מעלוכע־„פאראט”.

וויאזוי ארבעטנ די קאָמוניסטנ אינ די דאָזיקע לענדער? אינ די באדינגונגענ פונ דער טאָטאליטארער פאשיסטישער דיקטאטור איז זיי שווער אויסצובויענ א צענטראליזירטע פונ אויבנ ביז אונטנ פארטיי־אָרגאניזאציע. זיי שאפנ א פארצווייגטע נעצ גרופעס, וואָס באשטייענ פונ מענטשנ, וואָס קענענ לאנג איינע די אנדערע, וואָס זיינענ פארבונדנ מיט פעסטע פעדעמ פונ קעגנזייטיקנ צוטרוי. אזעלכע גרופעס זיינענ פאראנ אינ די הונדערטער. זיי זיינענ גוט פארקאָנספירירט, באוועגלעכ אונ בייגעוודיק. דער פאָליציי איז שווער זיי אויסצופאנגענ. די דאָזיקע גרופעס אנטוויקלענ א ברייטע טעטיקייט אינ זייערע הייזער, קווארטאלנ אונ ראיאָנענ. וויטער ארבעטנ די קאָמוניסטנ אינ די אונטערנעמונגענ. א דאנק זייער אקטיווער ארבעט איז די פאשיסטנ ניט געלונגענ צו קריגנ קיינ איינפלוס ניט אינ דייטשלאנד, ניט אינ איטאליע אינ די פאבריקנ אונ זאוואָדנ. ענדלעכ, נוצנ די קאָמוניסטנ אויס צוליב דער ארבעט צווישנ די ארבעטנדיקע די מאסעווע פאשיסטישע אָרגאניזאציעס.

ניט געקוקט דערופ, וואָס דער פירער פונ דער פארטיי כאוו. טעלמאנ שמאכט שוינ דאָס זעקסטע יאָר אינ דער פאשיסטישער טפיסע, ניט געקוקט אפ די שווערסטע באדינגונגענ פונ אונטערערד, האָט די דייטשישע קאָמפארטיי באוויזנ צו איינהיטנ איר אָרגאניזאציע. זי איז די איינציקע אנטיפאשיסטישע פארטיי, וואָס פירט א מאסנ־פאָליטישע ארבעט אינ דייטשלאנד. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ).

צומ באדויערנ אָבער האָט די פארטיי צו לאנג געלעבט אונטערנ היפנאָז פונ איר געוועזענער מאסעווער קראפט, אויסרעכענענדיק אפ א שנעלנ אונ לייכטנ קראכ פונעמ פאשיסטישנ רעזשימ. דערנאָכ, ווענ זי האָט זיכ איבערגעבויט, האָט גענומענ א קורס אפ א דויערנדיקער געדולדזאמער ארבעט פונ צונויפזאמלענ די פראָלעטארישע קרעפטנ אונ פונ פארפעסטיקנ זייער אָרגאניזירונג, זיינענ איינציקע דייטשישע קאָמוניסטנ ארייננגעפאלנ אינ אנ אנדער עקסטרעמקייט. זיי האָבנ ניט דיסקאָנטירט די שנעלע טעמפנ פונעמ אָנוווקס פונ דער אומצופרידנקייט פונ די מאסנ מיטנ פא־

שיסטישנ רעזשימ אונ פאר זיי איז געווענ אינגאנצנ אומגעריכט דער ווּוקס פונ די אנטיפאשיסטישע שטימונגענ, וואָס מערקנ זיכ אינ די לעצטע כאדאָשימ אינ דײַטשלאנד.

די קאָמפּארטיי פונ יאפּאָניע האָט א טראדיציע פונ קאמפּ קעגנ די פארכאפּערישע פּלענער פונ דער יאפּאָנישער פאשיסטישער מיליטער־קליקע. זי האָט געקעמפּט קעגנ דער אינוואזיע פונ די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ אינ מאנטשושוריע, אײַנאָרדענענדיק דעמאָנסטראציעס, שטרײַקנ קעגנ דער מילכאָמע, אָרגאניזירנדיק די סאָלדאטנ אונ מאטראָסנ. פונ 1937 יאָר, פונעמ מאָמענט פונ דער נײַער אינוואזיע פונ די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ אינ כינע, האָט די פּארטיי געפירט אנ אינטענסיווע אנטימילכאָמע־ארבעט, זי האָט געקעמפּט קעגנ דעמ שאָוויניזמ, האָט אָרגאניזירט א ברייטע קאמפּאניע פונ הילפ פאר די פאמיליעס פונ די מאָביליזירטע, האָט ארויסגערוקט די פאָדערונג אָפּצורופנ די יאפּאָנישע ארמיי פונ כינע, איז געוואָרנ די טרײַב־קראפט פונ דער באוועגונג פארנ פאָלקס־פראָנט. ניט געקוקט אפנ אכזאָריעסדיקנ טעראָר, האָט זיכ דער פּארטיי אײַנגעגעבנ אײַנצוהיטנ די פארבינדונג מיט די מאסנ, כאָטש דער צאָליקער ווּוקס פונ דער פּארטיי שטייט ווײַט אָפּ פונ איר מאסנ־אײַנפלוס.

מע דארפ פארצייכענענ די גרויסע שוואכקײַט פונ דער איטאליענישער קאָמפּארטיי. פאר די לאנגע יאָרנ עקזיסטענצ פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור האָט זי ניט באוויזנ אופצושלאָגנ א פעסטע אומלעגאלע אָרגאניזאציע, פאנאנדערוויקלענ אנ ערנסטע ארבעט אינ די פאשיסטישע פּראָפּאריינענ אונ אינ אנדערע מאסעווע פאשיסטישע אָרגאניזאציעס, ארויסרײַסנ באדײַטנדיקע שיכטנ פונעמ אונטערוואקסנדיקנ יונגנ דאָר פונ אונטער דעמ אײַנפלוס פונעמ פאשיזמ. די אײַנשטעלונג פונ אייניקע איטאליענישע קאָמוניסטנ, אז דער פאשיזמ קאָנ לײַדנ א קראכ נאָר אינ רעזולטאט פונ א מאפּאָלע אינ א מילכאָמע, פארדעקט פאקטיש די אָפּאָרטוניסטישע פּאסיווקײַט. דערמיט טאקע דערקלערט זיכ אינ א באדײַטנדיקער מאָס, וואָס די פּארטיי האָט ניט באוויזנ צו שטעלנ זיכ בעראָש פונ דער אומצופרידנקײַט פונ די מאסנ מיט דער מילכאָמע פונעמ איטאליענישנ פאשיזמ אינ אביסיניע אונ שפּאניע, די אומצופרידנקײַט, וועלכע האָט געפונענ איר אויסדרוק אינ א ריי סטיכישע מאסנ־ארויסטרעטונגענ.

אינ קעגנזאצ צו דער קאָמפּארטיי פונ איטאליע איז פאראנ א ריי פּארטייענ, וועלכע ארבעטנ אינ די קלײנע לענדער, ווו די פאשיסטישע דיקטאטור איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ באדײַטנדיק שפּעטער, איידער אינ איטאליע, וועלכע זײַנענ אדאנק זייער שלאכט־אקטיווקײַט ארויס אפּ איינס פונ די ערשטע ערטער צווישנ די אומלעגאלע קאָמפּארטייענ. מיר האָבנ אינ זינענ אייניקע פּארטייענ, וואָס ארבעטנ אינ די לענדער, וועלכע ליגנ אפּ די וועגנ פונ דער ארײַנדרינגונג פונעמ דײַטשישנ פאשיזמ אפנ נאָענטנ מיזרעכ.

גרויס שאָדנ פארשאפט דער קאָמוניסטישער באוועגונג די דעמאָראליזירנדיקע ארבעט פונ די פאשיסטישע אויסשפירונגענ, וואָס באמיִענ זיכ אריַינצושיקנ אינ אירע רייענ זייערע פראָוואָקאטאָרנ אונ שפיִאָנענ. אינ יאפאָניע זיַינענ אינ פארלויפ פונ די לעצטע צענ יאָר ארעסטירט געוואָרנ 60 טויזנט קאָמוניסטנ, עס זיַינענ זינט יאָר 1934 אראָפּגענומענ געוואָרנ פיר באשטאנדנ פונעם צענטראל-קאָמיטעט פונ דער קאָמפארטיי. די פאשיסטישע אויסשפירונגענ באקומענ הילפ פונ טראָצקינ אונ פונ די טראָצקיסטנ. אינ פוילנ, איטאליע, יאפאָניע אונ דיַיטשלאנד נוצנ די אָכראנקעס ברייט אויס די עקלהאפטע ליטערארישע מייקעכצ פונ טראָצקינ מיטנ ציל צו דעמאָראליזירנ די ארעסטירטע קאָמוניסטנ. לויט די אופגעבונגענ פונ די פאשיסטישע אויסשפירונגענ שמוגלענ זיכ די טראָצקיסטנ דורכ אינ די אָרגאניזאציעס פונעם פאָלקס-פראָנט אונ פונ דער נאציִאָנאל-באפריַיערישער באוועגונג, קעדיי אופצורײַסנ זיי פונ אינווייניק.

אינ יאפאָניע רופט מענ די טראָצקיסטנ אָנ „דער מארכ-טרעסט פונ דער אָכראנקע". אינ די שולנ, וואָס די פאָליציי האָט ספעציִעל אָרגאניזירט, לערנענ זיי די יאפאָנישע שפיִאָנענ די מעטאָדנ פונ קאמפ קעגנ דער קאָמוניסטישער אונ ארבעטער-באוועגונג. אינ כינע זיַינענ די טראָצקיסטנ טעטיק אלס יאפאָנישע מיליטערישע שפיִאָנענ. וועגנ זיי האָט דער שעפ פונ דער יאפאָנישער אויסשפירונג אינ בייפינ געשריבנ אינ א געהיימענ באריכט:

> „די גרופע טראָצקיסטנ דארפ מענ אונטערהאלטנ אונ מיטווירקנ אירע דערפאָלגנ, קעדיי איר טעטיקייט אינ פארשיידענע ערטער פונ כינע זאָל זיַינ גינסטיק אונ נוצלעכ פאר דער אימפעריע, ווײַל די דאָזיקע כינעזער זיַינענ צעשטערער פונ דער פאריייניקונג פונעם לאנד. זייער ארבעט צייכנט זיכ אויס מיט א הויכער טעכניק אונ מײַסטערשאפט".

אינ שפאניע זיַינענ די טראָצקיסטנ די אויסשפירער פונ פאשיסטישנ דיַיטשלאנד אונ איטאליע, אגענטנ פונ דער פינפטער קאָלאָנע, וואָס הייבנ אופ א קאָנטררעוואָליוציִאָנערנ בונט אינעם הינטערלאנד פונ דער קעמפנדיקער פאָלקס-ארמיי. אומעטום זיַינענ די טראָצקיסטנ טעטיק אלס פאשיסטישע פראָוואָקאטאָרנ אינ דער ארבעטער-באוועגונג, אלס שפיִאָנענ אונ דיווערסאנטנ, קעגנ פססר. די בורזשואזע אויסשפירונגענ נוצנ ברייט אויס די טראָצקיסטנ אונ יעדע אנדערע פאשיסטישע אומצוכט, אריַינשיקנדיק זיי, קלוימערשט, אלס עמיגראנטנ, צוליב שפיִאָנישער ארבעט אינ פססר.

מיטנ ציל צו צעלייגנ די קאָמוניסטישע באוועגונג האָבנ זיכ די פאשיסטיש-טראָצקיסטישע שפיִאָנענ געפרווט קינסטלעכ איַינפלאנצנ אינ אייניקע קאָמפארטייענ „פראקציעס" אונ „גרופירונגענ", פאנאנדערצופלאקערנ דעמ פראקציִאָנעלנ קאמפ. אמערסטנ פארמיסטיקט מיט פיַינטלעכע עלעמענטנ

האָט זיכ ארויסגעוויזנ די קאָמפארטיי פונ פוילנ, וואָס אינ איר אָנפירונג האָבנ זיכ ארײַנגעשמוגלט אגענטנ פונעמ פוילישנ פאשיזמ. אָט די אויסווורפנ האָבנ זיכ געפרוווט אוועקשלעפנ די פארטיי אפנ וועג פונ שטיצנ די פאשיסטישע איבערקערעניש פונ פילסודסקינ אינ מײַ 1926 יאָר. ווענ דאָס האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ, האָבנ זיי זיכ געשלאָגנ אלכעט פארנ „מײַ־פעלער", האָבנ געשפילט פארנ קאָמינטערנ א קאָמעדיע פונ זעלבסטקריטיק, האָבנ אימ גענארט פונקט אזוי, ווי עס האָבנ גענארט דעמ קאָמינטערנ זײַנערצײַט לאָווסטאָנ, די פאָליצײַישע „פראקציאָנערנ" פונ דער אונגארישער, יוגאָסלאַווישער פארטייענ. אונ די שולד פונ די טוער פונעמ קאָמינטערנ באשטייט אינ דעמ, וואָס זיי האָבנ דערלויבט זיכ לאָזנ אָפנארנ פונעמ קלאסנ־סוינע, האָבנ ניט אופגעדעקט באצײַטנס זײַנע מאנעוורענ, האָבנ פארשפעטיקט אָנצונעמענ מאָסמיטלענ קעגנ דער פארמיסטיקונג פונ די קאָמפארטייענ מיט פײַנטלעכע עלעמענטנ.

וואָס האָבנ געטאָנ די קאָמפארטייענ, קעדיי צו ליקווידירנ די פאָלגנ פונ דער שעדיקערײַ אונ פונ דער אונטערײַסערישער ארבעט פונעמ קלאסנ־סוינע? די קאָמפארטייענ האָבנ ברייט אויסגענוצט די לעקציעס פונ די געריכט־פראָצעסנ איבער די טראָצקיסטיש־בוכארינישע ראָצכימ אינ היניכט פונ פארשארפנ די באָלשעוויסטישע וואכזאמקײַט אינ זייערע רייענ. זיי האָבנ דורכגעקאָנטראָלירט זייער אָנפירנדיקנ אקטיוו, באזײַטיקנדיק די עלעמענטנ, וואָס האָבנ ארויסגערופנ ספייקעס אינ זייער פאָליטישער ערלעכקײַט. זיי האָבנ פאנאנדערגעלאָזנ די באזונדערס פארמיסטיקטע אומלעגאלע אָרגאניזאציעס אונ זײַנענ צוגעטראָטנ צו פאָרמירנ זיי פונדאָסנײַ. זיי וויקלענ פאנאנדער א סיסטעמאטישנ קאמפ קעגנ דעמ טראָצקיזמ, אלס פאשיסטישער אגענטור.

איינס פונ די וויכטיקסטע מאָסמיטלענ אינ פראט פונעמ קאמפ קעגנ דער אונטערײַסערישער ארבעט פונעמ סוינע אונ קעגנ דעמ דעמאָראליזירנדיקנ אײַנפלוס פונ דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע אפ די שוואכע רינגענ פונ דער פארטיי איז דאָס אופהייבנ דעמ אידייִש־פאָליטישנ ניוואָ פונ די קאָמפארטייענ. אויב די קאָמפארטייענ האָבנ ניט באמערקט די פארוואנדלונג פונעמ טראָצקיזמ „אינ א צעיושעטער אונ פרינציפלאָזער באנדע שעדיקער, דיווערסאנטנ, שפיאָנענ אונ מערדער, וואָס ארבעטנ לויט די אופגעבונגענ פונ די אויסשפירונגס־אָרגאנענ פונ די אויסלענדישע מעלוכעס", איז דאָס פאָרגעקומענ אכוץ אנדערע סיבעס אויכ איבער דער טעאָרעטישער הינטערשטעליקײַט פונ די קאָמפארטייענ.

א זייער גרויסע באדײַטונג באקומט אינ פראט פונ ליקווידירנ אָט די טעאָרעטישע הינטערשטעליקײַט פונ די קאָמפארטייענ דאָס איבערזעצנ אפ אויסלענדישע שפראכנ די קלאסיקער פונ מארקסיזמ־לעניניזמ מארקס — ענגעלס — לענינ — סטאלינ, אונ באזונדערס דאָס ארויסגעבנ אינ פיל שפראכנ דעמ „קורצנ קורס געשיכטע פונ דער אלקפ(ב)". דאָס דערשײַנענ פונעמ

„קורצנ קורס“ איז באַגעגנט געוואָרנ מיט ענטוזיאַזמ דורכ די קאָמוניסטנ פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זיי פאַרשטייענ, אַז אָט דער בוכ באַוואָפנט זיי מיט אַנ אומפאַרבײַטלעכ טעאָרעטיש געווער, אַז ער וועט זיי העלפנ באַזיגנ, אינ דער שײַנ פונ דער דערפאַרונג פונ דער פאַרטיי פונ לענינ — סטאַלינ, די אַנטוויקלונג פונ דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פונ זייער לאַנד, אירע באַזונדערקײַטנ, אירע פּערספּעקטיוונ.

אינ אייניקע קאָמפּאַרטייענ האָבנ באַמ דורכפירנ די טאַקטיק פונעמ אייגהײַטלעכנ אַרבעטערשנ אונ אַנטיפאַשיסטישנ פאָלקס-פראָנט זיכ באַוויזנ געוויסע טענדענצנ פונ אַ רעכט-אָפּאָרטוניסטישנ כאַראַקטער, וואָס געפינענ זייער אויסדרוק אינעמ פאַרשמירנ דעמ קאַמפ קעגנ די קאַפּיטוליאַנטישע עלעמענטנ, אינ אידעאַליזירנ די ראָליע פונ די אַזויגערופענע דעמאָקראַטישע מעלוכעס, אינעמ פאַרטושירנ זייער אימפּעריאַליסטישנ כאַראַקטער. דאָס אויפקומענ פונ אַזעלכע טענדענצנ, זאָל זײַנ אינ אַנ עמבריאָנעלער פאָרמ, רעדט וועגנ דער נויטווענדיקײַט צו פאַרשאַרפנ דעמ קאַמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ.

באַ דער אַלגעמיינער אָנצווייפלדיקער פאַרבעסערונג פונ דער אַרבעט פונ די קאָמוניסטנ אינ די פּראָפאַריינענ אונ באַ אייניקע באַדײַטנדיקע דערפאָלגנ אינעמ דאָזיקנ געביט, האָט די מערהײַט קאָמפּאַרטייענ נאָכ ניט באַוויזנ צו דעראָבערנ פעסטע פּאָזיציעס אינ די פּראָפאַריינענ, צו צושלאָגנ אַ קעמפערישנ פּראָפאַריינישנ אַקטיוו אונ צו ליקווידירנ די ווירקונג פונ די רעאַקציאָנערע עלעמענטנ אינ דער פּראָפבאַוועגונג.

די קאָמפּאַרטייענ האָבנ זיכ נאָכ ניט אויסגעלערנט צו קעמפנ ווי עס דאַרפ צו זײַנ קעגנ דער פאַשיסטישער דעמאַגאָגיע; זיי האָבנ ניט באַוויזנ אַראָפּצורײַסנ די ספּעקוליאַציע פונעמ דײַטשישנ פאַשיזמ אַפ דער נאַציאָנאַלער פראַגע אינ סאַאַר, דאַנציק, סודעטנ-געגנט.

זיי האָבנ נאָכ שוואַכ באַהערשט די גרויסע סטאַלינישע קונסט פאָדויסצוזענ די געשעענישנ, דיסקאָנטירנ די ראָליע פונ פאַרשיידענע מעלוכעס, קלאַסנ אונ פאַרטייענ אינ די דאָזיקע געשעענישנ, זענ פאָרויס די מאַנעווערנ פונעמ סוינע אונ קענענ באַצײַטנס צעשטערנ זײַנע פּלענער.

די קאָמוניסטנ פונ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זײַנענ ניט גענוג צוגעגרייט צו שאַרפע ווענדונגענ פונ געשעענישנ אונ האָבנ נאָכ ניט באַהערשט יענע קאַמפּס-פאָרמענ, וואָס ווערנ דיקטירט דורכ דער אָנגעשטרענגטער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע. פונדעסטוועגנ איז נייטיק צו פאַרצייכענענ, אַז אויכ אינ דער זאַכ פונ באַהערשנ אָט די קאַמפּס-פאָרמענ האָבנ די קאָמפּאַרטייענ דורכגעמאַכט אַ באַדײַטנדיקע אַרבעט. דאָס שפּאַנישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסנ יענע הילפ, וואָס עס האָט אים אַרויסגעוויזנ די אַלוועלטלעכע קאָמוניסטישע באַוועגונג מיטנ שאַפנ אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס.

אינ די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס זײַנענ געווענ ניט בלויז קאָמו-

ניסטן, אָבער די איניציאַטיוו פונ אָט דער זאכ, איר אָרגאַניזאַציע געהערט צו זיי, די פראַנצויזישע קאָמפּאַרטיי האָט אויסגעטיילט צוליב אָט דער זאכ אירע פּייִקסטע טוער, אירע בעסטע אָרגאַניזאַטאָרן. דאָס איז געווען ניט קיינ לײַכטע אופגאַבע אריבערצוּוואַרפּן עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשנ דורכ די פאַרקאָרקעווטע גרענעצן, דורכ יאַמען און אפילע דורכן אטלאַנטישן אָקעאַן.

די בורזשואַזיע פלעגט דורכפירן אָבלאַוועס אפ די פרײַוויליקע, האָט זיי פאַרפאָלגט און געמישפּעט, אָבער מענטשן זײַנען געגאַנגען טראָץ אלע פאַרצוימונגען, פלעגן זיכ דורכשמוגלען באַנאַכט איבער באַרג־שטעגלעכ ביזן גאַרטל אינ שניי, זײַנען געשוואומען אפ פישער־שיפלעכ, ריזיקירנדיק דערטרונקען צו ווערן יעדער מינוט. אלס פרײַוויליקע זײַנען געגאַנגען פראַנצויזישע פּראָלעטאַריער, די אייניקלעכ פונ די פאַריזשער קאָמונאַרן, איטאַליענישע עמיגראַנטן, דײַטשישע אַנטיפאַשיסטן, אויסגעצייכנטע סנײַפּערס — די קאַנאַדער וואַלד־העקער, עס זײַנען געגאַנגען פוילישע אַרבעטער, וועמעס באַטאַליאָן אפ דאָמבראָווסקיס נאָמען איז באַם אָנגריף אפ עבראָ, ניט וואַרטנדיק אפ דער אויסבויונג פונ פּאָנטאָן־בריקן, אריבער־געשוואומען דעם טײַכ און האָט זיכ דער ערשטער אַרײַנגעשניטן אינ דער געדיכטעניש פונעם קעגנערס קרעפטן.

די קאָמפּאַרטייען פונ 53 לענדער האָבן געשיקט אינ די רייען פונ די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס צווישן אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן זיכ אהינ געריסן, ניט ווייניק מיטגלידער פונ צק און פונעם אָנפירנדיקן אקטיוו פונ דער פאַרטיי. דאָ זײַנען געווען אַזעלכע מענטשן, ווי דער צעקאַליעטשעטער אינעם דײַטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער מיטגליד פונעם צק פונ דער דײַטשישער קאָמפּאַרטיי האַנס בײַמלער, וואָס איז געפאַלן אינ פּאַלאַסעט מיטן אויסגעשריי „ראָט פראָנט!”. דאָ זײַנען געווען מענטשן פונעם טיפּ פונעם אונגאַרישן קאָמוניסט דעם אלטן מאַנ כעוועשי, וועלכער האָט אינ דער שפּיץ פונעם באַטאַליאָן אפן נאָמען פונ ראַקאָשי אַטאַקירט אונטער אועסקאַ א בעטאָנירטן פּאָרט פונעם קעגנער, האָט אים אײַנגענומען, אָבער איז אליינ אומגעקומען מיט א העראָישן טויט צוזאַמען מיטן באַטאַליאָנ־קאָמיסאַר. דאָ זײַנען געווען גערוויינלעכע פּאָשעטע קריגער פונעם טיפּ פונעם ענגלישן שאָפער פונ א לאַסט-מאַשינ דזשאָנ, וועלכער האָט אונטער אַן אוראַגאַנ-פײַער פונעם קעגנער געבראַכט וואַסער פאַר די קריגער, וואָס האָבן געשמאַכט פונ דאָרשט, און א טויט־פאַרוווּנדעטער, האָט ער געזאָגט: „ווען דאָס וואָלט זען כאָווער סטאַלינ, וואָלט ער מיר א פּאַטש געטאָן איבערן פּלייצע און וואָלט געזאָגט: דו האָסט זיכ גוט אופגעפירט, דו ביסט אַן אויסגעצייכנטער כאַווער, דזשאָנ”. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטן).

וואָס זײַנען דאָס פאַר א מענטשן? דאָס זײַנען מענטשן פונ דער סטאַלינישער עפּאָכע, ווען העראָיזם ווערט אַן אָרגאַנישער טייל פונ דער געשטאַלט פונ א פאַרטײיִשן און אומפּאַרטײיִשן באָלשעוויק. דאָס זײַנען מענטשן פונ דער

זעלבער סטאַלינישער פאַרהאַרטעװעטקײט, װי יענע, װאָס זײַנענ געגאַנגענ אינ אַטאַקע באַ דער אָזערע כאַסאַנ מיטנ אויסגעשריי: — פאַרנ הײמלאַנד, פאַרנ קאָמוניזמ, פאַר סטאַלינענ! (*שטײענדיק אַפּלאָדירט דער צוזאַמענפאָר. אויסרופנ*: „זאָל לעבנ דער גרויסער סטאַלינ!" „הורא!" *שטורמישע אַפּלאָדיסמענטנ*).

די שאַפונג פונ די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס — דאָס איז דער צײַגער פונ דער רײַפקײט פונ דער אַלװעלטלעכער קאָמוניסטישער באַװעגונג, דאָס איז די באָלשעװיסטישע פאַרהאַרטעװעטקײט פונ די סעקציעס פונעמ קאָמינטערנ, דאָס איז די דורכקאָנטראָלירונג פונ די קאָמוניסטישע קאַדרענ אינ פײַער.

אַלזאָ, לאָמיר אונטערציִענ סאַכאַקלענ.

אינעמ פאַרגאַנגענעמ פינפיאָר איז אויסגעװאַקסנ, איז פעסט אונ רײַפ געװאָרנ די קאָמוניסטישע באַװעגונג. עס זײַנענ אויסגעװאַקסנ אַלע לעגאַלע קאָמפּאַרטײענ אונ עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט זײער אײַנפלוס אינ די מאַסנ. עס בויענ איבער זײערע רײענ די הינטערשטעליקע אומלעגאַלע פּאַרטײענ, אַרויסװײַזנדיק אינ זײער שװערנ קאַמפּ מוסטערנ פונ הויכנ העראָיזמ אונ זעלבסטאָפּפערונג. אײניקע קאָמפּאַרטײענ זײַנענ שוינ געװאָרנ, די אַנדערע װערנ אַנ ערנסטער פּאָליטישער פאַקטאָר אינעמ לעבנ פונ זײער לאַנד. עס װאַקסט די דערנעענטערונג צװישנ די קאָמוניסטישע אונ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אונ צװישנ דעמ אַקטיװ פונ די קאָמוניסטישע אונ פונ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײענ. עס האָט זיכ פאַרגרעסערט דער צוטרוי פונ די פּראָלעטאַריער צו די קאָמוניסטנ. די קאָמוניסטנ האָבנ זיכ אויסגעלערנט בעסער אויסצודריקנ די נויטנ אונ די פאָדערונגענ פונ די מאַסנ, רײדנ מיט דער שפּראַכ פונ זײער אַרבעטער־קלאַס אונ פונ זײער פאָלק. עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט די אידײיִשע באַהעפטקײט פונ די קאָמפּאַרטײענ. אינ די טעג פונ מינכענ, װעלכער האָט צעשפּאָלטנ די פעלקער, די בורזשואַזע אונ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטײענ אַפּ קאַפּיטולאַנטנ אונ אַפּ אָנהענגער פונ אַ װידערשטאַנד דעמ פאַשיזמ, זײַנענ די קאָמוניסטנ געװענ די אײנציקע פּאַרטײ, װאָס האָט אײַנגעהיט איר פּאָליטישע אונ אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָנאָליטישקײט.

פונדעסטװעגנ אָבער אַנטשפּרעכט ניט דער צאָליקער װוּקס פונ די קאָמפּאַרטײענ אונ דער װוּקס פונ זײער אײַנפלוס אינ די מאַסנ די פאָדערונגענ, װאָס זײַנענ אַװעקגעשטעלט געװאָרנ פאַר די סעקציעס פונעמ קאָמינטערנ דורכ דער פאַרשאַרפונג פונעמ קלאַסנקאַמפּ אונ דורכ דער צװײטער אַלװעלטלעכער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, װאָס װיקלט זיכ פאַנאַנדער.

ג) דער וועג פונעם קאַמף פונ די קאָמפּאַרטייענ, פונעם פּראָלעטאַריאַט, פונ די אַרבעטנדיקע קעגנ דער וועלט־רעאַקציע

די אינטערעסנ פונ דערפאָלגרײַכנ קאַמף קעגנ פאַשיזמ און קעגנ די רויבערישע מילכאָמעס פאָדערנ, אַז די אַרבעטנדיקע זאָלנ זיכ קלאָר מאַכנ, וווהינ עס פירט די זאַכ די וועלט־רעאַקציע, און זיי זאָלנ אָנמערקנ *זייער* וועג, קעדיי אַראָפּצורײַסנ אירע כיטרע פּלענער.

וואָס וויל די רעאַקציע? זי וויל דערשטיקנ די שפּאַנישע רעפּובליק, אײַנשטעלנ אינ שפּאַניע אַנ אָרדענונג, וואָס געפעלט די דײַטשיש־איטאַליענישע אינטערווענטנ און די ענגליש־פראַנצויזישע באַנקירנ; דערנאָכ זיכ נעמענ פאַר פראַנקרײַכ, מיט די הענט פונ די ראַדיקאַלנ אַ קלאַפּ טאָנ איבער דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָנשרעקנ די קלייַנבירגער מיט באָבע־מײַסעס, אַז די קאָמוניסטנ זײַנענ, קלוימערשט, אַ פּאַרטיי פונ מילכאָמע, מאַכנ אַ סאָפ צומ פאָלקס־פראָנט, און דערנאָכ אַרויסוואַרפנ, ווי אַנ אויסגעקוועטשטע לימענע, אינ מיסטקאַסטנ אויכ די ראַדיקאַלנ, עפענענ אַ וועג צו דער מאַכט פאַר די פאַשיסטישע שווינדלער.

אינ ענגלאַנד וויל די רעאַקציע פאַרפעסטיקנ אויפ אַ סאַכ יאָרנ די מאַכט פונ די קאָנסערוואַטאָרנ, אַלס „רעטער פונעמ שאָלעמ", אַראָפּרײַסנ מיט די הענט פונ די לייבאָריסטישע לידערס די באַוועגונג פונעמ פאָלקס־פראָנט, דעמאָראַליזירנ און אָפּשוואַכנ דעמ ענגלישנ אַרבעטער־קלאַס; אינ פשא — העלפנ די פאָרדס, מאָרגאַנס און הערסטס צעקוועטשנ די דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

די רעאַקציע וואָלט געוואָלט צעטראָמירנ די אַרבעטער־באַוועגונג, צערעכענענ זיכ מיטנ לאַנד פונעמ סאָציאַליזמ.

וואָס ווילנ דער אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע? זיי ווילנ אומעטומ העלפנ דעמ *שפּאַנישנ פאָלק* אײַנשטעלנ בײַ זיכ אינ דער היימ אַזאַ אָרדענונג, וואָס געפעלט אימ, אָרגאַניזירנ אַנ אינטערנאַציאָנאַלע פאַרטיידיקונג פונעמ שפּאַנישנ פאָלק, פאַנאַנדערוויקלענ אַזאַ באַוועגונג אינ דער גאַנצער וועלט, אַז בײַ דער רעאַקציע זאָל אָפּפאַלנ דער כיישעק צו שטיקנ דאָס פרײַע שפּאַנישע פאָלק.

זיי ווילנ אויפנ ווײַטנ *מיזרעכ* ניט דערלאָזנ די צעטיילונג פונ כינע, העלפנ דעמ כינעזישנ פאָלק אַרויסצוטרײַבנ פונ זײַנ לאַנד די יאַפּאַנישע פאַרכאַפּער; צווינגענ דורכ אַ מאַסנ־באַוועגונג די בורזשואַזע רעגירונגענ, זיי זאָלנ אויפהערנ שטיצנ די יאַפּאַנישע מיליטער־קליקע און זאָלנ באַזאָרגנ כינע מיט אַלצ, וואָס איז נייטיק אויפ אָפּצוהאַלטנ אַ זיג איבערנ סוינע.

אינ פראַנקרײַכ ווילנ די אַרבעטער דערגרייכנ איבעראַנײַס אויפ דער זײַט פונעמ פאָלקס־פראָנט דעמ טייל פונעמ פויערטומ, וואָס האָט זיכ

א וואקל געטאָן, און פונעם שטאָטישן מאסנ־מענטש, וואָס איבערצײַגט זיכ אלץ מער, אז די מינכענער פאָליטיק פירט צו דער פארוואנדלונג פונעם פראנצויזישן פאָלק אינ א וואסאל פונעם דײַטשישן פאשיזמ; ניט בלויז אײַנשטעלנ זיכ פארנ פאָלקס־פראָנט, נאָר פארברייטערנ אימ אפנ כעזשבנ פונ יענע שיכטנ, וואָס ווילנ ניט ניט אלײנ גײנ, ניט פירנ אנדערע אפנ קאטאסטראָפאלנ וועג פונ קאפיטולירנ פאר די פאשיסטישע אגרעסאָרנ.

אינ ענגלאנד ווילנ די ארבעטער דערפירנ ביזנ סאָפ דעמ שוינ אָנגעהויבענעמ קאמפ פאר שאפנ דעמ פאָלקס־פראָנט, דערלאנגענ דערמיט גופע אנ אנטשײדענעמ קלאפ ניט בלויז דער ענגלישער, נאָר אויכ דער אלוועלטלעכער רעאקציע; אינ דער זעלבער צײַט אינ פראָצעס פונ קאמפ פארנ פאָלקס־פראָנט אָפשטויסנ אָנ א זײַט די פראָפאשיסטישע עלעמענטנ פונ דער ענגלישער בורזשואזיע, אונטערשטיצנ די אָנהענגער פונ א ווידער־שטאנד די פאשיסטישע אגרעסאָרנ.

אינ פשא ווילנ די ארבעטנדיקע דורכ דער פארפעסטיקונג און פאר־ברײטערונג פונ דער דעמאָקראטישער באוועגונג ניט דערלאָזנ, עס זאָלנ קומענ צו דער מאכט די רעאקציאָנערע פראָפאשיסטישע עלעמענטנ.

אינ די לענדער פונ דער פאשיסטישער דיקטאטור — דײַטשלאנד, יאפאָניע, איטאליע זוכנ די ארבעטנדיקע פונ דער גאנצער וועלט צו דערשלאָגנ זיכ די מאפּאָלע פונ די רעגירונגענ פונ די דאָזיקע לענדער אינ דער מילכאָמע, זײ ווילנ העלפנ די פעלקער פונ די דאָזיקע לענדער ארויסצוגײנ אפנ ברײטנ וועג פונ אָפענעמ מאסנ־קאמפ קעגנ דעמ פאשיס־טישנ רעזשימ, פונ דעמ קאמפ, וואָס פירט צומ אראָפווארפנ די פאשיס־טישע מאכט, וואָס אינ דעמ זײַנענ בלוטיק פאראינטערעסירט דער אינטער־נאציאָנאלער ארבעטער־קלאס און אלע ארבעטנדיקע. זײ ווילנ שטערנ דער וועלט־רעאקציע צו ווארפנ א רעטונגס-רונג די פאשיסטישע רעגירונגענ פונ דײַטשלאנד, איטאליע און יאפאָניע, וועלכע קײַקלענ זיכ אינ אָפגרונט פונ פינאנציעלנ באנקראָט. זײ ווילנ ניט דערלאָזנ, אז די וועלט-רעאקציע זאָל געבנ די פאשיסטישע רעגירונגענ קוואלנ פונ דערנערונג, רויוואַרג, ארצ, נאפט אאוו. צוליבנ פאנאנדערוויקלענ נײַע רויבערישע מילכאָמעס. זײ ווילנ שטערנ די פאשיסטישע פארכאפער, וואָס פאלנ אָנ אפ שוואכע פעלקער און וואָס האָבנ מוירע מער, ווי פאר פײַער, פאר אנ ערנסטנ ווידערשטאנד, אָפצוהאלטנ גרינגע „ניצכוינעס".

זײ פאָדערנ אָרגאניזירנ א ווידערשטאנד פונעמ אינטערנאציאָנאלנ ארבעטער־קלאס, פונ די אנטיפאשיסטישע קויכעס פונ דער גאנצער וועלט, קעגנ דער פאשיסטישער עקספאנסיע, קעגנ דער עקאָנאָמישער און פאָליטי־שער פארשקלאפונג פונ די פעלקער, אלס פרעליודיע צו זײער פארקנעכ־טונג דורכ א מילכאָמע. זײ ווילנ העלפנ דעמ קאמפ קעגנ דײַטשישנ פא־שיזמ, דעמ קאמפ פונעמ פארשקלאפטנ פאָלק פונ עסטרײַכ, פונ די פאר־שקלאפטע פעלקער פונ טשעכאָסלאָוואקיע, אונגארנ, פונ די פעלקער פונ

רומעניע און יוגאָסלאוויע, וואָס שטייען אונטער דער געפאר פארשקלאפט צו ווערן. זיי ווילן שטיצן דאָס פארשקלאפטע אביסינישע פאָלק קעגן דעם איטאליענישן פאשיזם. זיי קעמפן פאר שאפן א פראָנט פון פעלקער, א פראָנט פון אן אינטערנאציאָנאלן ווידערשטאנד דעם בלאָק פון די פאשיסטישע אגרעסאָרן.

די ארבעטנדיקע ווילן אן איינהייט־פראָנט פונעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־קלאס, קעדיי צו פארענדיקן מיט דער קאפיטוליאנטישער פאָליטיק פון די רעאקציאָנערע לידערס פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע. אזא פראָנט וועט ארויספירן די ארבעטער-באוועגונג פונעם צושטאנד פון פארלאָרנקייט, דעזאָרגאניזירטקייט אפן וועג פון זיגרייכע שלאכטן קעגן דעם פאשיזם. ער וועט אופהייבן דעם גלויבן פון מיליאָנען פראָלעטאריער אין זייערע קויכעס, וועט אָנשטעקן מיט דער דאָזיקער זיכערקייט די ברייטסטע שיכטן ארבעטנדיקע, דאָס פויערטום, דעם שטאָטישן מאסן־מענטש. ער וועט העכערן די ווידערשטאנד־קראפט פון די פאָלקס־מאסן קעגן דער פאשיסטישער אגרעסיע אין אלע לענדער, וועט אופהייבן די פעלקער פון דייטשלאנד, איטאליע און יאפאָניע צום אראָפווארפן די פאשיסטישע דיקטאטור. דאָס איינשטעלן אן איינהייטלעכן אינטערנאציאָנאלן ארבעטער-פראָנט וואָלט געווען די שווערסטע מאפאָלע פונעם פאשיזם.

די ארבעטנדיקע ווילן אן איינהייט-פראָנט פונעם ארבעטער־קלאס פון די קאפיטאליסטישע לענדער מיטן סאָוועטישן ארבעטער-קלאס, מיטן באוואָפנטן סאָוועטישן פאָלק, וואָס באזיצט א מעכטיקע מעלוכע, די מאטעריעלע קראפט פונעם סאָציאליזם, וועלכער האָט געזיגט. דער דאָזיקער פראָנט וועט זיין אן עכטע גאראנטיע פון שאָלעם. אינעם אומצעשטערבארן פעלדז פון אזא פראָנט וועט זיך צעשמעטערן דעם קאָפּ די וועלט־רעאקציע.

די ארבעטנדיקע פון די קאפיטאליסטישע לענדער, וואָס זיינען דערפירט געוואָרן ביז פארצווייפלונג דורך קריזיסן, ארבעטלאָזיקייט, דאלעס, פאשיסטישן טעראָר, אימפעריאליסטישע מילכאָמעס און וואָס זיינען געבראכט געוואָרן אין באוועגונג דורך די קאָלאָסאלע סאָציאליסטישע זיגן פונעם סאָוועטישן פאָלק, ווילן לעבן אָן פאשיזם, אָן קאפיטאליזם. זיי ווילן סאָציאליזם. און גראָד דערפאר ווילדעוועט די גויסעטדיקע קאפיטאליסטישע וועלט. זי וויל זיך ראטעווען דורכן פאשיזם. אָבער דער פאשיזם וועט ניט ראטעווען פון אומקום דעם קאפיטאליזם, ווייל דער פאשיזם פארטייפט בלויז אין דער טיף די אומצופרידנקייט פון די מאסן, גרייט צו אן אופרייס פון א קאָלאָסאלער צעשטערנדיקער קראפט. ניט ראטעווען וועט זיך דער פאשיזם דורך אימפעריאליסטישע מילכאָמעס, ווייל זיינע אימפעריאליסטישע מילכאָמעס צעבינדן רעוואָליוציעס. ניט ראטעווען וועט זיך דער קאפיטאליזם דורך א נייער וועלט-איבערפארטיילונג, ווייל נייע וועלט־איבערפארטיילונגען פארטיפערן בלויז דעם קאפיטאליסטישן כאאָס.

ניט ארויסראטעווענ זיכ וועט די גויסעסדיקע קאפּיטאליסטישע וועלט דורכ א קאָנטררעוואָליוציאָנערער מילכאָמע קעגנ פססר, נאָר בלויז פארשנעלערנ וועט זי איר אייגענעמ אומקומ. דער באוואָפנטער ווידערשטאנד פונעמ גרויסנ סאָוועטישנ פאָלק וועט אויפטרייסלענ די גאנצע ארבעט־וועלט, אלע זי, וועמעס רעכט אפ פרייהײַט, אפ ארבעט, אפ א בעסער לעבנ, אפ אומאָפּהענגיקײַט פונעמ לאנד עס האָט צעטראָטנ דער פאשיזמ. ער וועט אויפהייבנ אינ אלע עקנ פונעמ ערדקײַלעכ די פּראָלעטאריער אונ ארבעטנדיקע, וואָס באזיניקנ, אז עס איז געקומענ די שאָ פונ אָפּרעכענענ זיכ פאר זייער דוירעסדיקער פּײַנ. ער וועט צעבינדנ אינ דער גאנצער וועלט א מעכטיקע באוועגונג פונ די אנטיפאשיסטישע קויכעס, וואָס זײַנענ דערמוטיקט דורכ דער קאָלאָסאלער קראפט פונ ווידערשטאנד, וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק גיט דעמ פאשיזמ. ער וועט א שטויס טאָנ צומ קאמפּ די פעלקער, וואָס האָבנ ביז איצט אויסגעמיטנ א געראנגל מיטנ פאשיזמ. ער וועט א קער טאָנ קעגנ פאשיזמ די פעלקער פונ די פאשיסטישע מעלוכעס, וואָס האָבנ באקומענ געוועער אינ די הענט. פאר די פאשיסטישע רעגירונגענ וועט דאָס זײַנ א מילכאָמע ניט בלויז קעגנ פססר, נאָר אויכ א מילכאָמע קעגנ די אייגענע פעלקער. פארנ סאָוועטישנ פאָלק, פאר די ארבעטנדיקע פונ דער גאנצער וועלט, פאר דער גאנצער פאָרגעשריטענער אונ פּראָגרעסיווער מענטשהײַט וועט דאָס זײַנ די סאמע גערעכטיקע, הייליקע מילכאָמע, וואָס אזא איז קיינמאָל ניט געווענ אינ דער געשיכטע פונ דער מענטשהײַט, א מילכאָמע, וואָס וועט „אומבאדינגט צעבינדנ א גאנצע ריי רעוואָליוציאָנערע קנופּנ אינעמ הינטערלאנד בא די קעגנער, צעלייגנדיק אונ דעמאָראליזירנדיק די רייענ פונעמ אימפּעריאליזמ" (לענינ אונ סטאלינ, באנד III, ז. 10).

20 יאָר קאָמינטערנ מיטנ לעניניש־סטאלינישנ וועג

כאוויירימ!

דער XVIII צוזאמענפאָר פונ דער אלקפּ(ב) פירט זײַנע זיצונגענ אינ די טעג, ווענ עס ווערט 20 יאָר, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרנ דער קאָמינטערנ.

„די אלוועלטלעכ־היסטאָרישע באדײַטונג פונעמ III, קאָמוניסטישנ אינטערנאציאָנאל, — האָט געשריבנ לענינ, — באשטייט דערינ, וואָס ער האָט אָנגעהויבנ דורכפירנ אינ לעבנ דעמ גרעסטנ לאָזונג פונ מארקסנ, דעמ לאָזונג, וואָס האָט אונטערגעצויגנ דעמ סאכאקל פונ דער דוירעסדיקער אנטוויקלונג פונעמ סאָציא־

ליזם און פון דער ארבעטער־באוועגונג, דעם לאָזונג, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורכן באגריף: דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט" (לענין, געזאמלטע ווערק, ב. XXIV, ז. 248).

דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל איז געגאנגען מיטן וועג פון לענין — סטאלין, ווען ער האָט פאריייניקט דעם פראָלעטארישן אוואנגארד, וואָס איז אופגעהויבן געוואָרן פון דער טיפעניש פונעם ארבעטער־קלאס פון אלע לענדער דורכן זיג פון דער גרויסער סאָציאליסטישער רעוואָליוציע. דאָס שאפן דעם קאָמינטערן האָט אנטשפּראָכן די גרונט־אינטערעסן און די היסטאָרישע צילן פון דער אלוועלטלעכער ארבעטער־באוועגונג, וואָס איז צעשפּאָלטן געוואָרן דורך דער פּאָליטיק פון קלאסעווער מיטארבעט פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע מיט דער בורזשואזיע, דורך איר אָפּענעם פאראט קעגן די אינטערעסן פון דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע בייס דער ערשטער אלוועלטלעכער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל איז געגאנגען מיטן לעניניש־סטאליניש וועג, ווען ער האָט אָנגעווענדט אלע קויכעס, קעדיי צו ריכטן די באוועגונג פון די רעוואָליוציאָנערע מאסן פון צענטראל־אייראָפּע אין די יאָרן 1918 — 1923 צום אראָפּוואַרפן דעם קאפּיטאליזם. ער איז געגאנגען מיט דעם דאָזיקן וועג, ווען ער האָט געקעמפט קעגן „רעפאָרמעס" און בורזשואזער דעמאָקראטיע, וואָס מיט זייער הילף האָט די בורזשואזיע געוואָלט זיך אָפּקויפן פונעם אָנדראנג פון די רעוואָליוציאָנערע מאסן און פארצוימען דעם וועג דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע.

דער קאָמינטערן איז געגאנגען מיטן וועג פון לענין — סטאלין, ווען אינעם פעריאָד פון דער טיילווייזער און פארהעלטנישמעסיקער סטאביליזאציע פונעם קאפּיטאליזם האָט ער קאָנצענטרירט דאָס פייער קעגן דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, וואָס האָט געהאָלפן מיט איר פּאָליטיק דער בורזשואזער רעאקציע צו פארפעסטיקן זיך און אריבערגיין אין אָנגריף אף דעם ארבעטער־קלאס און די ארבעטנדיקע.

דער קאָמינטערן איז געגאנגען מיט דעם דאָזיקן וועג, ווען ער האָט זיינע רייען אָפּגערייניקט פון מיטלויפער, וואָס זיינען צופעליק צוגעטריבן געוואָרן צום קאָמוניסטישן ברעג דורך דער כוואליע פונעם רעוואָליוציאָנערן אופשטייג אין די יאָרן 1918—1923, ווען ער האָט אומראכמאָנעסדיק אויסגעוואָרצלט די אָפּאָרטוניסטישע אָנשטעקונג, די רעשטן פון דער אידעאָלאָגיע פון סאָציאל־דעמאָקראטיזם, צענטריזם, אנארכאָ־סינדיקאליזם. ער איז געגאנגען מיט דעם דאָזיקן וועג, ווען ער האָט גענומען דעם קורס אף דער באָלשעוויזירונג פון זיינע סעקציעס, האָט גענומען פירן א קאמף אף צוויי פראָנטן, האָט אויסגעראָטן דעם פרינציפּלאָזן פראקציאָניזם, און האָט זיך אָריענטירט אף אויסשמידן אין שלאכט מאָנאָליטע קאָמפּארטייען.

מיט דעם לעניניש־סטאלינישן וועג איז דער קאָמינטערן געגאנגען,

װענ ער האָט אינ רעזולטאט פונעם אלװעלטלעכנ עקאָנאָמישנ קריזיס אינ אָנגעזיכט פונעם אָנגרײַפנדיקנ פאשיזמ, פונ אימפעריאַליסטישע מילכאָמעס, וואָס הייבנ זיכ אָנ, געררופנ די מאסנ אײַנצושטעלנ אנ אייגהײַטלעכנ ארבעטערשנ אונ אנטיפאשיסטישנ פאָלקס־פראָנט קעגנ פאשיזמ אונ אימפעריאַליסטישער מילכאָמע. דערמיט גופע איז דער קאָמינטערנ אנטקעגנ געקומענ די שטרעבונגענ פונ מיליאָנענ ארבעטנדיקע, וואָס ווילנ ענגער צונויפשליסנ זייערע רייענ, זיכ פארייניקנ, קעדיי מיט געמיינזאמע אָנשטרענגונגענ זיכ ארויסרײַסנ פונ די פאַרייניקונגענ פונעמ פאשיסטישנ טעראָר, פונעמ בלוטיקנ געגעמ פונ די רויבערישע מילכאָמעס, פונ די קלעמענ פונ דער מערדערײַ פונ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, וואָס ווערט פאנאנדערגעלייגט.

דער צוואנציקיאָריקער וועג פונעם קאָמינטערנ, דער וועג פונ קאמפ פאר דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, פאר דער דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט — דאָס איז ניט קיינ לײַכטער וועג. ער איז פארבונדנ ניט נאָר מיט זיגנ, נאָר אויכ מיט קאָלאָסאלע שוועריקײַטנ אונ צײַטווײַליקע מאפאָלעס.

„... די רעוואָליוציע, — זאָגט כאוו. סטאלינ, — אנטוויקלט זיכ געוויינלעכ ניט לויט א גראָדער שטײַגנדיקער ליניע, אינ סיידער פונ אומופהערלעכנ אָנווקס פונעמ אופשטײַג, נאָר מיטנ וועג פונ זיגזאגנ, מיטנ וועג פונ אָנגריפנ אונ צוריקטריטנ, מיטנ וועג פונ צופלוסנ אונ אָפפלוסנ, וואָס פארהארטעווענ אינ גאנג פונ דער אנטוויקלונג די קויכעס פונ דער רעוואָליוציע אונ וואָס גרייטנ צו איר ענדגילטיקנ זיג" (זאמלונג: לענינ אונ סטאלינ, ב. III, ז. 7).

אינ מעשעכ פונ אָט די צוואנציק יאָר האָט די וועלט־בורזשואזיע געטאָנ אלצ, קעדיי אָפצומעקנ פונ דער ערד די קאָמוניסטישע באוועגונג. זי האָט ארעסטירט, געפײַניקט, געטויט קאָמוניסטנ. זי האָט זיי געטריבנ פונ די אונטערנעמונגענ, איבערגעלאָזט אָנ ארבעט, אָרגאניזירט פאָגראָמענ קעגנ זיי. זי האָט אונטערגעצונדנ רײַכסטאגנ, האָט פאבריצירט „קאָמינטערנישע" פאלשיווקעס, האָט געשלאָסנ צווישנפעלקערלעכע פאָליציייִשע פארשטענדיקונגענ. קעגנ די קאָמוניסטנ זײַנענ ניט איינ מאָל געגאנגענ אינ מארש די וואָפנטרעגער פונ דער בורזשואזיע, די רעאקציאָנערע לידערס פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראטיע אונ פונ די רעפאָרמיסטישע פראָפאריינענ.

די פארביסענע סאָנימ פונעם ארבעטער-קלאס, וואָס זײַנענ געוואָרנ אגענטנ פונ די פאשיסטישע אויסשפירונגענ, האָבנ געפרוווט אָפווענדנ די קאָמוניסטישע באוועגונג פונעם באָלשעוויסטישנ וועג, דעמאָראליזירנ אונ אומברענגענ זי. כאוו. סטאלינ האָט געהאָלפנ דער אינטערנאציאָנאלער

קאָמוניסטישער באוועגונג צו דעמאסקירן און אראָפּרײַסן די קאָנטררעוואָליוציאָנערע פּלענער פון די אגענטן פונעם קלאסן־סוינע. אונטער כאוו. סטאלינס אָנפירונג האָט די אלקפּ(ב) זיי צעקלאפּט ביזן גרונט, האָט די פאראכטע פאשיסטישע שנעקלעך אָפּגעראמט פונעם זיגרײַכן וועג פון די בויער פון דער קלאסנלאָזער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, האָט דערמיט גופא פארפעסטיקט די פּאָזיציעס פונעם אלוועלטלעכן קאָמוניזם.

דער כאוו. סטאלין האָט ניט בלויז פארטיידיקט די גרויסע לערע פון מארקס—ענגעלס—לענין קעגן די פארקריפּלונגען פון די פײַנטלעכע עלעמענטן, נאָר ער האָט זי אנטוויקלט ווײַטער, צוגעפּאסט צו די נײַע באדינגונגען פון דער עפּאָכע פונעם אלגעמיינעם קריזיס פונעם קאפּיטאליזם און פונעם זיג פונעם סאָציאליזם אין פססר. ער האָט באוואָפנט מיט דער דאָזיקער לערע דעם אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאט, ער האָט נאָך ווײַטער פאנאנדערגערוקט זײַנע האָריזאָנטן, האָט נאָך מער קאָנקרעטיזירט די פּערספּעקטיוון פון זײַן קאמף, האָט אָנגעפילט די ארבעטער פון אלע לענדער מיט א נאָך גרעסערער זיכערקײַט אינעם זיג.

אונטער דער אָנפירונג פונעם כאוו. סטאלין האָבן די פעלקער פון פססר אויפגעשטעלט א מעכטיקע סאָציאליסטישע פעסטונג, האָבן טאָגטעגלעך זי פארשטארקט מיט זייערע סאָציאליסטישע זיגן, דערמיט גופא האָבן זיי אומדערמידלעך געפעסטיקט די פּאָזיציעס פונעם אינטערנאציאָנאלן פּראָלעטאריאט און פון די ארבעטנדיקע פון דער גאנצער וועלט.

די קאָרט פון דער וועלט־בורזשואזיע האָט זיך ארויסגעוויזן פאר געשלאָגן.

זי איז געשלאָגן געוואָרן דערפאר, ווײַל דעם קאָמוניזם קאָן מען ניט פארניכטן, פּונקט ווי מע קאָן ניט פארניכטן אויך זײַן טרעגער, דעם ארבעטער־קלאס, דערפאר, ווײַל דער קאָמוניזם—דאָס איז דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון די גרונט-אינטערעסן פונעם ארבעטער־קלאס, פון די ענד־צילן פון זײַן באוועגונג, וואָס פאלן צונויף מיט די אינטערעסן פון אלע ארבעטנדיקע. זי איז געשלאָגן געוואָרן דערפאר, ווײַל די אידיי פונעם קאָמוניזם—דאָס איז שוין ניט קיין אבסטראקטער טרוים פון די בעסטע מוחות פון דער מענטשהײַט; די דאָזיקע אידיי האָט געפונען איר מאטעריעלע פארקערפּערונג אין פססר, וועלכער ווײַזט אָן א ריכטיקן וועג דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־קלאס און אלע ארבעטנדיקע צו זייער באפרײַונג.

די קאָרט פון דער וועלט־בורזשואזיע איז געשלאָגן געוואָרן דערפאר, ווײַל מיט דער גרויסער סטאלינישער זאך פון אויסבויען דעם סאָציאליזם אין פססר זײַנען פארשטארקט און פארפעסטיקט געוואָרן די אינטערנאציאָנאלע פּראָלעטארישע פארבינדונגען פונעם ארבעטער־קלאס פון פססר מיטן ארבעטער־קלאס פון די בורזשואזע לענדער. זי איז געשלאָגן דערפאר, ווײַל ניט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שאָ פעסטיקט זיך דאָס מעכטיקע לאנד

פונעם סאָציאַליזם, דערפאַר, ווײַל די באַוועגונג פון די קאָמפּאַרטייען פאָרויס ווערן באַלויכטן מיטן פאַקעל פון דער אומשטערבלעכער לערע פון מאַרקס— ענגעלס — לענין — סטאַלין. (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

די קאַרטע פון דער וועלט־בורזשואַזיע איז געשלאָגן און וועט געשלאָגן ווערן דערפאַר, ווײַל אויף דער וואַך פון פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט שטייט דער גענײַ פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט דער גרויסער סטאַלין.

(שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע שטייען אויף, אויס־רופן: „הוראַ!" „זאָל לעבן דער גרויסער פירער פונעם אַלוועלטלעכן קאָמוניזם גרויסער סטאַלין!").

אינהאלט

זײַט

I. די ענדערונגען אין דער צווישנפעלקערלעכער לאגע 5

וואָס איז פאָרגעקומען אינעם פאַרגאַנגענעם פינפיאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט ? 6

II. דער קאַמף פון די קאָמפּאַרטייען פאַרן איינהײַטלעכן פראָנט און פאָלקס־פראָנט 13

III. די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער 28

א) אייניקע פראַגן פון דער טאַקטיק פון די קאָמפּאַרטייען . . . . —

ב) דער צושטאַנד פון די קאָמפּאַרטייען 32

ג) דער וועג פונעם קאַמף פון די קאָמפּאַרטייען, פונעם פּראָלעטאַריאַט, פון די אַרבעטנדיקע קעגן דער וועלט־רעאַקציע 44

20 יאָר קאָמינטערן מיטן לעניניש־סטאַלינישן וועג 47